בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת שמיני תשפ"ה

**פון כ"ב ניסן – ביז כ"ח ניסן**

**לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה**

**ולעילו נשמת אמי מרת שפרה יענטא בת הרה"ח משה יהודה ע"ה**

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער (646) 907-9119

## זונטאג – כ"ב ניסן – אחרון של פסח

הרה"ק רבי ישראל יצחק ב"ר שמעון זי"ע, (קאליש), בעל אהל יצחק, מווארקא.
"הנקרא ר' איציקל ווארקער, אדער הזקן מווארקא"

## מאנטאג – כ"ג ניסן

הגה"ק רבינו משה די טראני ב"ר יוסף זי"ע, בעל המבי"ט מצפת.

## דינסטאג – כ"ד ניסן

הרה"ק רבי יוסף ב"ר צבי הירש הכהן זי"ע, (פריעדמאן), מרימנוב.
"הנקרא בלשון חיבה רבי יוסילי מרימנוב"

## מיטוואך – כ"ה ניסן

הרה"ק רבי חיים ב"ר אריה לייבוש זי"ע, (הלברשטאם), בעל דברי חיים, אדמו"ר מצאנז.

## דאנערשטאג – כ"ו ניסן

הרה"ק רבינו משה ב"ר חיים צבי זי"ע, (טייטלבוים), בעל ברך משה, אדמו"ר מסאטמאר.

## פרייטאג – כ"ז ניסן

הגה"ק רבי יהודה ב"ר יוסף הכהן זי"ע, (כהנא), בעל קונטרס הספיקות, אב"ד סיגוט.
הגה"צ רבי אביגדור ב"ר ישראל הכהן זי"ע, (מיללער), בעל לב אביגדור.

## שבת קודש – כ"ח ניסן

הרה"ק רבי יהושע ב"ר שלמה יהודה לייב זי"ע, בעל תולדות אדם, מאוסטרובה.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי מרת שפרה יענטא בת הרה"ח משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**
**זונטאג כ״ב ניסן אחרון של פסח**

**הרה״ק רבי ישראל יצחק ב״ר שמעון זי״ע, (קאליש),**
**בעל אהל יצחק, מווארקא,**
**״הנקרא ר׳ איציקל ווארקער, אדער הזקן מווארקא״**

ער איז געבוירן אין שטאט זאלושין, בשנת תקל״ט,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי שמעון ״בעל הרחמנות״ מזאלשין זי״ע,
נכד הגה״ק רבי יצחק מקאליש זי״ע,
מגזע הגה״ק רבי מרדכי יפה בעל הלבושים זי״ע,

דער טאטע הרה״ק רבי שמעון איז געווען באוויסט אלס א גאר ערליכער סוחר, און האט זיך באשעפטיגט מיט מוסחר פון ווי ער האט געצויגען א גאר קליינע הכנסה, אבער דער טאטע האט מיט זיין גרויס רחמנות פון דעם מאגערן פרנסה אוועק געגעבן האלב פאר צדקה און אויס געהאלטן עניים, און זייענדיג מפורסם מיט זיין צדקה וחסד און מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, האט מען אים געריפן מיטן נאמען ״בעל הרחמנות״,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת יוטא ע״ה,

די מאמע איז געווען מפורסם אלס א גרויסע צדקת און א אשה צנועה ויראת השם, זי האט קודם געבוירן 7 טעכטער אבער נישט קיין זוהן, ווען די מאמע איז שוין געווען אויף די עלטער און שוין נישט געקענט בדרך הטבע האבן קיין קינדער, איז די מאן געפארן צום צדיק וקדוש רבי דוד׳ל מלעלוב זי״ע, און דער צדיק מלעלוב האט מבטיח געווען פאר די עלטערן, אז עס וועט זיי בקרוב געבוירן ווערן א קינד וואס וועט האבן א נשמה גבוהה, און טאקע בשנת תקל״ט איז צו זיי געבוירן געווארן א בן זכר, וואס דאס קינד איז אויס געוואקסן דער צדיק וקדוש רבי ישראל יצחק הנקרא ר׳ איציק׳ל ווארקער זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק יסוד עולם, ער איז געווען א גאון עולם און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר און א מתמיד עצום בתורה, טויזענטער געהויבענע חסידים ובתוכם אסאך צדיקי הדור האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק וקדוש און זענען געקומען שעפן תורה און עבודת השם פון דעם צדיק, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם וואס איז געווען מיט א אש קודש און א געוואלדיגע התלהבות, דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין געהויבענע עבודה פון מקרב זיין יעדן איד צום גרויסן באשעפער, און דאס אלעס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע אהבת ישראל אן קיין גבול,

ער האט די חסידות געפירט מיט א געוואלדיגע פשטות און תמימות, און דאס איז ווי אזוי ער האט געלערנט מיט זיינע געהויבענע תלמידים, וואס האבן ממשיך געווען זיין שיטה פון חסידות שפעטער אויפן ווארקא דרך, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער הייליגער צדיק מווארקא זי״ע האט געטון מיט די אידן פון פולין, דאס זעלבע וואס דער הייליגער קדושת לוי מבארדיטשוב זי״ע האט געטון מיט די אידן פון רוסלאנד, און צדיקים האבן דעם צדיק מווארקא געריפן ״סניגורן של ישראל״,

דער צדיק האט געהאט דעם גרויסן כוח פון נעמען א פשוטע איד און אים ארויף ברענגען צו גאר געהויבענע מדרגות, און די תלמידים האבן נאך געזאגט א ווארט פון זייער גרויסן רבין בזה״ל, ״נישט געדאווענט, נישט געלערנט, אבי גאט נישט דערצערנט״,

דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע מידת השמחה, וואס דאס איז אריבער געגאנגען אויך צו זיינע גרויסע תלמידים, און גרויסע צדיקים בדורו האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק, און גאר אסאך צדיקים האבן זיך פאריפן אלס א תלמיד פונעם צדיק מווארקא זי״ע,

די טאטע רבי שמעון פלעגט בכסדר פארן צום יריד אויף מסחר, און דארט ביים יריד האט ער געהאט א גאר נאנטער חבר הגה״ק רבי מאיר מזאריק זי״ע, וואס האט געהאט א טאכטער א צדקת מרת רחל ע״ה, דער רבי מאיר איז אויך געווען א גאר ערליכער סוחר, האבן זיך די צוויי סוחרים משדך געווען צווישן זיך, און דער צדיק רבי איציק׳ל מווארקא זי״ע איז ביי די 14 יאר א חתן געווארן מיט די צקת מרת רחל ע״ה,

שוין פון זיין יוגענט אן איז דער צדיק געווען גאר שטארק מקושר ומקורב צום צדיק וקדוש רבי דוד׳ל מלעלוב זי״ע, און גאר אסאך תורה און עבודת השם האט ער קונה געווען ביי זיין רבין מלעלוב, זיין רבי האט אים שוין פון גאר יונג פארטרויעט מיט גאר געהויבענע שליחות׳ער, אויך האט ער זוכה געווען גאר אסאך צו פארן מיט זיין

רבין צום הייליגען חוזה מלובלין זי״ע, און שפעטער איז ער געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען חוזה זי״ע.

אויך איז ער דאן געווארן שטארק מקושר צום צדיק וקדוש רבי יעקב יצחק היהודי הקדוש מפשיסחא זי״ע, און ווען זיינע צוויי גרויסע רבי׳ס דער רבי דוד׳ל מלעלוב זי״ע און דער הייליגער חוזה מלובלין זי״ע זענען נסתלק געווארן, האט ער זיך מדבק געווען אינעם יהודי הקדוש זי״ע און געווען פון זיינע גרויסע תלמידים.

בשנת תקע״ה ווען דער יהודי הקדוש זי״ע איז נסתלק געווארן, האט ער זיך ווייטער מדבק געווען אלס תלמיד און חסיד נלהב פונעם ממלא מקום הרה״ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי״ע, און אפילו זייענדיג שוין דאן מפורסם אלס א איש קדוש מעוד און א בקי נפלא בתורה וחסידות, האט ער נישט געוואלט אפילו הערן פון זיין א מנהיג ישראל פאר זיך, נאר האט ווייטער זיך מסתופף געווען בצלו פין זיין רבין אלס א פשוטע חסיד.

אויך בשנת תקפ״ז ווען דער צדיק וקדוש רבי שמחה בונם מפשיסחא זי״ע איז נסתלק געווארן, האבן זיך די תלמידים פון רבי בונם מפשיסחא זי״ע צעטיילט, א חלק פון די תלמידים ובתוכם דער הייליגער חידושי הרי״ם זי״ע און דער תלמיד דער צדיק רבי חנוך העניך מאלכסנדר זי״ע, זענען אריבער געגאנגען צום תלמיד רבי מנחם מענדל השרף מקאצק זי״ע, און די אנדערע חלק ובתוכם הרה״ק רבי יעקב ארי׳ מראדזימין זי״ע און רבי דוב בעריש מביאלה זי״ע האבן געוואלט אויף נעמען דעם תלמיד רבי איציק׳ל מווארקא זי״ע אלס ממלא מקום.

האט אבער דער צדיק וקדוש רבי איציק׳ל זי״ע מיט זיין גרויס עניוות בשום אופן נישט געוואלט נעמען דאס רבנות, און אפילו זייענדיג שוין דאן באוויסט אלס א איש קדוש מאוד און א גרויסע פועל ישועות, האט זיך דער צדיק מכניע געווען און געהייסן מכתיר זיין דעם זון הרה״ק רבי אברהם משה מפשיסחא זי״ע אלס ממלא מקום, און דער צדיק האט זיך ממש מכניע געווען פארן זון פון זיין רבין אלס תלמיד און חסיד.

אבער ער האט זיך דאן אוועק געצויגען צום שטאט גורבטשוב, און דארט געדינט אלס רב, און אביסל שפעטער האט דער צדיק אויף גענעבן דאס רבנות, און דער צדיק איז דאן אריבער צום שטאט רודה, און דארט געארבעט ביי די צדקת טעמעריל ע״ה וואס האט דאן געשטיצט אסאך תלמידי חכמים און צדיקי הדור.

ערשט נאכן פריצייטיגע הסתלקות פונעם רבין׳ס זון רבי אברהם משה זי״ע זייענדיג אינגאנצן 29 יאר אלט, האבן די חסידים ממש מפציר געווען ביים תלמיד רבי איציק׳ל זי״ע, אז ער זאל איבער נעמען אלס ממלא מקום פון זיין רבין, און בלית ברירה האט דער צדיק טאקע אנגענומען דאס רבנות, די ערשטע שטיק צייט איז דער צדיק געבליבן וואוינען אין שטאט רודה, און דארט זענען אסאך חסידים פונעם הייליגען צדיק מפשיסחא געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק.

אבער נאך אפאר יאר האט דער צדיק צוליב א מחלוקה וואס האט אויסגעבראכן אין שטאט רודה, זיך אוועק געצויגען צום שטאט ווארקא, און דארט איז דער צדיק שוין געבליבן ביז צו זיין הסתלקות, דארט אין שטאט ווארקא איז דאס חסידות גאר שטארק געוואקסן, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש און זענען געקומען מיט האלטן זיין הייליגע עבודה וואס איז געווען איין שטיק פייער, אבער אלעם איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע שמחה און התלהבות דקדושה.

דער צדיק וקדוש רבי איציקל ווארקער זי״ע האט געהאט א גאר געהויבענע דרגה אין עבודת השם, ער האט אריין געשיינט אין זיינע געהויבענע תלמידים און חסידים א גאר אינטערסאנטע דרך אין עבודת השם, ער האט זיינע תלמידים אויס געלערנט צו דינען דעם גרויסן באשעפער מיט ענווה נפלאה און מיט א געוואלדיגע אחדות און אהבת רעים אויף די וועג וואס ער האט מקבל געווען פון זיין גרויסן רבין ר׳ דוד׳ל מלעלוב זי״ע, וואס איז אויך געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל.

ער האט מקרב געווען יעדן איד מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, אפילו גאר פשוטע אידן האבן ביי דעם צדיק געטראפן א חשיבות, ער האט הונדערטער גאר פשוטע אידן מקרב געווען לאביהם שבשמים און ארויף געברענגט אויף גאר הויכע מדרגות ורבים השיב מעון, ווי דער זון הרה״ק רבי מענדעלע ווארקער זי״ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויף זיין גרויסן טאטן בזה״ל, ״דער טאטע האט מיט זיין לימוד מדרש ארויס גענומען אידן פון שאול תחתית ממש״.

ער האט אריין געבאקן אין זיינע תלמידים דעם אמונה פשוטה אינעם גרויסן באשעפער, און דאס אמונה און

בטחון פונעם צדיק איז געווען עד אין לשער, ער האט געהאט א געוואלדיגע עבודה פון דינען דעם גרויסן באשעפער מיט שירים וזמרה און נגינה און ריקודים של שמחה, אויך איז דאס טרינקען יין שרף געווען א גאר גרויסע עבודהביים צדיק און די חסידים, וואס דער צדיק האט דאן אויפגעטון גדולות ונצורות.

ער האט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל גאר אסאך עוסק געווען אין שתדלנות און האט מיט א מסירת נפש ממש עוסק געווען לטובת אחינו בני ישראל הנתונים בצרה, און גאר אסאך אידן האט דער צדיק געראטעוועט מיט זיין מסירת נפש, אויך האט ער צוזאמען מיט זיין גרויסן תלמיד דער חידושי הרי"ם זי"ע עוסק געווען אין דברים נשגבים ביים לוחם זיין קעגן די תניעות השכלה וואס האט דאן געבאשעוועט, וואס ליידער האט דאס אראפ געפירט א גרויסע חלק פון כלל ישראל פונעם גלייכן וועג, אבער בזכותו פון דעם צדיק זענען טויזנטער אידן געראטעוועט געווארן פון ח"ו אריין פאלן אין די נעץ פון השכלה.

אויפן הייליגען ווארקער זי"ע איז געווען מפורסם אז ער האט זיך ממש כמעט קיינמאל נישט געבייזערט אויף קיינעם, ווייל דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן געלעבט מיט א געוואליגע אמונה און מידת השמחה, און ווי עס דערציילט דער צדיק הרה"ק רבי יחיאל מאלכסנדר זי"ע, וואס איז נתגדל געווארן אינעם שטוב פונעם הייליגען ווארקער זי"ע, אז דער צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע האט געהאט א ספעציעלן מלבוש, און ווען ער האט זיך געברויכט בייזערן אויף עפעס אן ענין, איז ער צו געגאנגען צום שאנק צו אנטון יענעם מלבוש, אבער ביזן אנקומען צום מלבוש האט זיך שוין דער צדיק בארואיגט און זיך נישט געבייזערט.

גאר אסאך צדיקי הדור זענען געווען תלמידים און חסידים פונעם צדיק מווארקא, און זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצלו ובתוכם,

הרה"ק רבי יעקב ארי' מראדזימין זי"ע,
הרה"ק רבי שרגא פייבל מגריצא זי"ע,
הרה"ק רבי דוב בעריש מביאלה זי"ע,
הרה"ק רבי אלכסנדר זושא מפלוצק זי"ע,
הרה"ק רבי יחיאל מאלכסנדר זי"ע, דער טאטע פונעם הייליגען ישמח ישראל זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל יהושע מקוטנא זי"ע,
הרה"ק רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע,

א חלק פון זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אינעם ספר אהל יצחק, בית יצחק, שמועות יצחק,

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי יעקב דוד קאליש מאמשינוב זי"ע, בזיווג ראשון חתן הגה"ק רבי משה שלמה לוינזון בעל חשק שלמה מפרצובה זי"ע, ובזיווג שני חתן הרה"ק רבי יעקב מזרנובצה זי"ע,
הרה"ק רבי מרדכי מנחם מענדל קאליש מווארקא זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הגה"ח רבי צבי ארי' פריעדמאן זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת צפורה ע"ה, אשת הרה"ק רבי צבי מרדכי בונהארד זי"ע, בן הרה"ק רבי אברהם משה מפשיסחא זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת בלומא ע"ה, אשת הרה"ק רבי אברהם מאיר מושקאט זי"ע, בן הרה"ק רבי דן יונגרלייב מראדוויל זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת דבורה ע"ה, אשת הרה"ק רבי אהרן זאקהיים מנעדערזין זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת שרה חנה ע"ה, אשת הרה"ק רבי ישראל צבי רובינשטיין אב"ד ביאליברזיג זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים אחרון של פסח כ"ב ניסן בשנת תר"ח, און ווי זיין גרויסע תלמיד הרה"ק רבי שרגא פייבל מגריצא זי"ע האט געזאגט, אז די רבי איז נסתלק געווארן ביי די מידה פון ספירה "מלכות שבחסד", ווייל ער האט משלים געווען די מידת החסד אזוי ווי אברהם אבינו ע"ה, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט ווארקא,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע האט געזאגט, אז ער האט זיך געלערנט פון א קינד דריי זאכן אין עבודת השם,
א). ווען דער קינד איז הינגעריג אדער ברויך עפעס, וועט ער וויינען ביז ער באקומט דאס,
ב). דער קינד גייט קיינמאל נישט ליידיג, נאר איז אייביג פארנומען,

ג). דער קינד איז אייביג בשמחה, און ער איז קיינמאל נישט באזארגט.
דאס זעלבע דארף א איד אייביג זיין, אויב פעילט עפעס זאל מען בעטן פונעם גרויסע באשעפער, א איד טאר קיינמאל נישט גיין ליידיג, און א איד זאל קיינמאל נישט זיין בעצבות, נאר אייביג זיין בשמחה, ווייל דורך שמחה איז די בעסטע און גרינגסטע וועג צו דינען דעם באשעפער.

דער הייליגער צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע האט כסדר אריין געבאקען אמונה און בטחון אין זיינע תלמידים, און דער צדיק האט כסדר מחזק געווען די תלמידים, אז א איד טאר קיינמאל נישט טראכטן און זארגן פארן קומענדיגען טאג, און עס איז דא א ניגון מקובל פונעם צדיק בזה"ל, "לאמיר נישט זארגן, וואס וועט זיין מארגען, בעסער פאריכטען, דעם קאליגעמאכטען נעכטען".

איינמאל ווען דאס דחקות איז געווען גאר שווער אין שטוב פונעם צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע, און דער צדיק איז געזעצן אויפן בימה און פאר געלערנט פאר די תלמידים א שיעור, איז אריין געקומען די רעבעצין און זיך אפ גערעדט צו איר הייליגע מאן, אז די מצב איז גאר שווער אין שטוב, און זי האט געבעטן אז די מאן זאל איר געבן געלט, איז דארט געווען א גרויסע חסיד פונעם רבין הרה"ח ר' איטשי בלאס ע"ה, און ער האט אהין געגעבן פארן רבין א שיינע סכום געלט, האט דער צדיק געזאגט פארן חסיד בזה"ל, "אזוי ווי די האסט יעצט מצליח געווען, זאלסטו ווייטער מצליח זיין", פון דאן האט דער חסיד ר' איטשי גאר שטארק מצליח געווען, און ער איז געווען איינע פון די גרעסטע גבירים אין פולין.

איינמאל איז הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע קראנק געווארן, האט ער געשיקט א קוויטל צום הייליגען סבא קדישא מראדושיץ זי"ע און זיך מזכיר געווען פאר א רפואה, האט דער הייליגער ראדאשיצער געשיקט מיטן שליח א שטיקל קאצקא צוקער און געהייסן, אז דער רבי יצחק זאל פון דעם עסן און ער וועט האבן א רפואה.

דער רבי יצחק האט גענומען דעם צוקער און געזאגט בזה"ל, "הנני מוכן ומזומן לקיים מצות עשה, לשמוע דברי חכמים", און ער האט געגעסן א שטיקל פונעם צוקער, גלייך איז אים בעסער געווארן, און אזוי האט ער געגעסן דעם צוקער, און ווען ער האט געענדיגט אויפעסן דעם גאנצן צוקער, איז ער אינגאנצן געזונט געווארן.

הרה"ק השרף ממאגלניצא זי"ע איז אמאל קראנק געווארן, און ער האט געשיקט אז מען זאל אים מזכיר זיין ביים הייליגען ראדאשיצער זי"ע, האט דער ראדאשיצער געזאגט אז ער נעמט אויף זיך די מחלה, און דער הייליגער מאגלניצער איז טאקע געזונט געווארן, אבער דער ראדאשיצער איז קראנק געווארן.

אבער נאך א שטיק צייט איז דער ראדאשיצער אויך געזונט געווארן, האט דער צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע געזאגט אויף דעם פשט אונעם ברכה, "בָּרוּךְ פּוֹדֶה וּמַצִּיל", וואס מיינט אז קודם האט דער צדיק פּוֹדֶה געווען דעם מאגלניצא רבי, און דערנאך וּמַצִּיל האט דער צדיק דער ראדאשיצער זיך מציל געווען.

דער צדיק הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע האט אמאל דערציילט, אז אלס קליין קינד האט אים זיין טאטע רבי איציקל ווארקער גענומען י"ח סיון, צום יארצייט פון הרה"ק רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, און שטייענדיג דארט ביים ציון, האבן אידן געגעבן קוויטלעך פארן טאטן, און דער טאטע האט זיי פארגעליינט.

נאכן ליינען די קוויטלעך האט דער זון געזען, ווי דער טאטע רבי איציקל זי"ע גיבט איבער אלע קוויטלעך פאר א אנדערן עלטערן איד א בעל צורה, און יענער האט דאס אויך פאר געליינט, אראפ גייענדיג פונעם ציון האט ער געפרעגט דעם טאטן, ווער דער איד איז געווען, האט אים די טאטע געזאגט, "קינד מיינס דאס איז געווען דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע".

אין ספר שיח חסידים ווערט געברענגט, אז דער צדיק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע דער זון פונעם הייליגען צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע, האט זיך אפאר חדשים נאכן טאטן'ס פטירה אפגערעדט צו זיין רבין הרה"ק השרף מקאצק זי"ע, אז זיין טאטע האט זיך צו אים נאכנישט באוויזן אין חלום, און ער האט פון דעם גרויס צער, יענע נאכט האט זיך דער טאטע צו אים באוויזן בדמות דיוקנו שטייענדיג ביי א טייך, און ער באטראכט דעם וואסער.

ווען ער איז צוריק געקומען צו זיין רבין און דערציילט דעם מחזה, האט אים זיין רבי מסביר געווען וואס דאס האט געמיינט, ווייל ווי באוויסט האט דער טאטע הרה"ק רבי איציקל מווארקא זי"ע ביי זיין לעבן גאר אסאך עוסק געווען אין אהבת ישראל און זיך מצער געווען אויף צרות

ישראל, דערפאר האט ער געזען דעם טאטן ביי א טייך וואס דאס איז די טרערן פון אידישע קינדער, ווייל דער טאטע ארבעט נאך מעולם העליון צו העלפן אידישע קינדער מיט ישועות.

דער צדיק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע איז געווען א ידיד נאמן מיטן צדיק הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע, פארציילט מען, אז איינמאל איז רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע געגאנגען צו א דבר מצוה צוזאמען מיט זיין חבר ר' יצחק ווארקער, און ר' יצחק איז געגאנגען גאר שנעל, און רבי יחזקאל האט אים נישט געקענט נאכיאגן, האט ער געפרעגט ר' יצחק פארוואס ער לויפט אזוי, האט דער הייליגער ווארקער געזאגט בזה"ל, "א איד דארף אייביג לויפן, פון א דבר רע דארף מען אנטלויפן, און צו א דבר מצוה דארף מען לויפן".

ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ביים צדיק האט מען ממש געזען ווי ער איז געווען גרייט יעדע רגע אוועק צו געבן אלעס פון זיך נאר ארויס צו העלפן אן אנדערע איד, דערציילט מען, אז ווען דער צדיק איז נאך געווען נאר 3 יאר אלט, האט זיין טאטע רבי שמעון באמערקט איין טאג נאך חדר, אז דאס קינד איז אהיים געקומען אן זיינע שיך בארפעס, האט דער טאטע געפרעגט דעם קינד, ווי זענען דיינע שיך.

האט דער קינד מיט א תמימות געזאגט פארן טאטן, טאטע איך בין געווען אויפן וועג אהיים פון חדר, האב איך געזען א ארעם קינד וואס גייט לויידער אן קיין שיך, בין איך געווארן זייער איבער גענומען און איך האב זייער רחמנות געהאט אויפן קינד, און אים אהין געגעבן מיינע שיך, ווייל איך האב געוויסט, אז מיין טאטע וועט מיר שוין זיכער באזארגן מיט נייע שיך, אבער דער קינד האט נישט ווער עס זאל זיך זארגן אויף אים, דערפאר האב איך אים אהין געגעבן מיינע שיך, ווייל שוין דאן אפילו זייענדיג נאר 3 יאר אלט, האט שוין געברענט דאס אהבת ישראל אינעם הארץ פונעם צדיק.

ווערט דערציילט, אז דאס ערשטע מאל וואס דער צדיק רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע האט גענומען דעם צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע אויף ראש השנה קיין לובלין צום הייליגען חוזה זי"ע, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געפרעגט ר"ה דעם יונגען צדיק רבי איציקל, אין וואסערע סוגיא לערנסטו יעצט, האט דער צדיק געזאגט, אז ער לערנט יעצט הלכות עדות, האט דער הייליגער חוזה געפרעגט, אויב ער האט מחדש געווען סיי וואסערע חידושים.

האט דער צדיק מיט זיין ענוות געזאגט, אז ער האט נישט מחדש געווען קיין חידושים, אבער ער האט איין גאר שווערע קשיא, פארוואס איז א קרוב פסול לעדות, בשלמא אויף זכות צום גוטן קען א קרוב נישט עדות זאגן, דאס פארשטיי איך, ווייל מען האט מורא אז ער וועט צוליב זיין קרבות עדות זאגן פאלש, אבער לחוב צו עדות זאגן אויף שלעכטס, פארוואס איז א קרוב פסול, האט מען דען מורא אז ער וועט עדות זאגן פאלש אויף א קרוב.

האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געפרעגט דעם צדיק רבי איציקל זי"ע אויב ער האט א תירוץ, האט דער צדיק געזאגט מיט א תמימות, אין די תורה שטייט (דברים י"ט י"ז) וְעָמְדוּ שְׁנֵי הָאֲנָשִׁים, זעהט מען דאך פון דעם פסוק, אז צו קענען עדות זאגן ברויך מען דאך זיין בגדר "איש", דערפאר אויב א קרוב קען אפילו זעהן א דבר חוב אויף א אנדערן קרוב, גייט ער דאך ארויס פון גדר אנושי, און דערפאר ווערט ער דאך שוין נישט נחשב אלס א "מענטש", און דערפאר קען ער נישט עדות זאגן אויפן קרוב.

ווען דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך אויף געשטעלט און זיך אנגערופן בזה"ל, "דורך דיינע ווערטער זענען נמתק געווארן אלע דינים אין הימל פון אידישע קינדער, ווייל אינעם פסוק שטייט (דברים י"ד א') "בנים אתם לד' אלקיכם", קומט דאך אויס אז מיר אידישע קינדער זענען קינדער פונעם גרויסן באשעפער, קען דאך דער באשעפער נישט זעהן קיין שלעכטס אויף זיינע טייערע קינדער", און דאן האט זיך דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געגרייט אריין צו גיין צו די תקיעות, ווייל ביז דאן האט דער חוזה נישט געזען א וועג פון מבטל זיין דעם קטרוג וואס איז געווען דאן אויף כלל ישראל.

ווערט דערציילט, אז ווען דער צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע האט געוואוינט נאך די חתונה אין שטאט זאריק, האט ער געצויגן זיין פרנסה פון האנדל'ן מיט טאבאק, ער האט דאן געהאט דעם איינציגען רשות פון די ממשלה צו קענען פארקויפן טאבאק, און פון דעם האט ער געהאט שיין פרנסה.

איין טאג ווען דער צדיק רבי איציקל זי"ע איז געווען ביי זיין גרויסן רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, האט

אים זיין רבי געזאגט בזה״ל, ״אויב וועט זיך דיר טרעפן, איז מלמדות גאר א גוטע פרנסה, און עס וואלט געווען זייער ראטזאם דאס אן צו נעמען״, דער תלמיד רבי איציקל האט זיך שטארק געוואונדערט אויף די ווערטער פון זיין רבין, און ער האט געטראכט אז זיכער האט די רבי דאס געזאגט פאר א אנדערן איד, וויבאלד ער האט דאך געהאט שיין פרנסה פונעם טאבאק.

אבער לפלא ווען דער תלמיד איז ארויס פונעם שטוב, איז אריין געקומען א איד פון שטאט טארניגראד צום הייליגען חוזה זי״ע, און ער האט זיך זייער אויס גערעדט צום רבין, אז ער האט קינדער וואס וואקסן ליידער אויף בורים וריקים, וויבאלד זיי האבן נישט ווער עס זאל מיט זיי לערנען תורה, און ער איז גרייט אוועק צו געבן זיין גאנצע פארמעגן, און ער איז ממש גרייט צו בלייבן בעירום ובחוסר כל, נאר אז די קינדער זאלן וואקסן בני תורה.

האט אים דער הייליגער חוזה אנגעוויזן אויפן יונגערמאן וואס איז געווען רבי איציקל מווארקא זי״ע, אז אויב דער איד איז מסכים צו געבן פאר רבי איציקל 40 גולדן וועט דער יונגערמאן מסכים זיין צו זיין א מלמד פאר זיינע קינדער, און דורך דעם וועלן די קינדער גאר שטארק מצליח זיין אין זייער לימודים, איז דער איד ארויס פונעם שטוב, און גלייך צו געגאנגען צו רבי איציקל מווארקא זי״ע, און האט אים אנגעטראגן צו זיין דער מלמד פאר זיינע קינדער.

דער צדיק רבי איציקל זי״ע האט זיך דערמאנט אין די ווערטער פון זיין רבין דער הייליגער חוזה, און האט טאקע אנגענומען דאס מלמדות ביי דעם איד אין שטאט טארניגראד, און ער האט אהיים געשריבן א בריוו צו זיין רעבעצין, אז ער האט אן גענומען צו זיין א מלמד אין שטאט טארניגראד, האט די רעבעצין צוריק געשיקט א בריוו און געשריבן.

אז דאס איז זייער גוט אז ער האט אן גענומען דאס מלמדות, ווייל ממש יעצט זענען דורך די מיליטער פון רוסלאנד אין די שטאט זאריק, און זיי האבן בארויבט די גאנצע פארמעגן וואס מען האט געהאט, און אפילו דאס שטרוי פונעם שטאל האבן זיי צו גענומען, דאן האט דער צדיק רבי איציקל מווארקא זי״ע געזען, אז זיין רבי דער חוזה האט מיט זיינע הייליגע אויגן שוין געזען וואס עס גייט פאסירן, און דערפאר אנגעגרייט פאר אים א נייע פרנסה.

צו פארשטיין דעם געוואלדיגע קשר וואס עס איז געווען צווישן דעם תלמיד רבי איציקל מווארקא זי״ע, און זיין גרויסע רבי ר׳ דוד׳ל מלעלוב זי״ע ווערט דערציילט, אז חודש שבט בשנת תקע״ד האט דער יוד הקדוש זי״ע געבעטן פונעם צדיק רבי דוד׳ל מלעלוב זי״ע, אז ער זאל אים שיקן זיין תלמיד רבי איציקל מווארקא זי״ע פאר א חודש.

און דער צדיק רבי דוד׳ל האט טאקע באפוילען פארן תלמיד אז ער זאל אריבער פארן זיך מסתופף זיין בצלו פונעם צדיק מפשיסחא, וואס דורך אגב האט דער זון הרה״ק רבי ירחמיאל מפשיסחא זי״ע געזאגט, אז זיין טאטע דער יוד הקדוש האט זיך אמאל אויס גערעדט אויפן תלמיד רבי איציקל מווארקא זי״ע בזה״ל, ״אז עס איז נישט דא א מדה טובה וואס חז״ל רעכנען אויס, וואס ער האט דאס נישט געטראפן ביים תלמיד רבי איציקל״.

ז׳ שבט בשנת תקע״ד ווען דער תלמיד רבי איציקל מווארקא זי״ע האט געהערט דעם בשורה לא טובה, אז זיין גרויסע רבי ר׳ דוד׳ל מלעלוב זי״ע איז נסתלק געווארן, האט ער זיך שטארק מתרעם געווען פארן יוד הקדוש פארוואס ער האט אים אפ געהאלטן פון זיין ביי זיין רבין׳ס התסלקות.

האט אים דער יוד הקדוש זי״ע געזאגט, מיין קינד איך האב גאנ׳ץ גוט געוויסט אז דיין רבי גייט נסתלק ווערן, אבער ווען איך האב געזען די געוואלדיגע קשר צווישן דיר און דיין רבין, און עס איז געווען ממש נפשך קשורה בנפשו הטהורה, האב איך מורא געהאט, אז ח״ו אויב וועסטו דארט זיין ביים הסתלקות וועסטו צו קומען צו אזא צער און ח״ו צו קומען צו כלות הנפש ממש, און דערפאר האב איך דיך געברענגט צו מיר, אז זאלסט כאטש האבן א נחמה און קענען ווייטער אנגיין, און דער צדיק רבי איציקל איז טאקע דאן געבליבן שטארק מקושר צום יוד הקדוש זי״ע.

ווערט געברענגט א מעשה נפלא וואס ברענגט ארויס גאר שטארק די געוואלדיגע אהבת ישראל און די גאלדענע מידת טובות פונעם צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי״ע, און דאס האט פאסירט ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאן און זיך מסתופף געווען בצלו פון זיין גרויסן רבין רבי בונם מפשיסחא זי״ע.

דאן איז דער צדיק רבי איציקל זי״ע געווען מפורסם מיט די מדה טובה כהלל הזקן, אז ער האט זיך קיינמאל נישט

געבייזערט אדער אויפגערעגט אויף א אנדערן איד, זענען דארט אין פשיסחא געווען עטליכע מענטשן וואס האבן געזאגט, אז עס איז נישט מעגליך אז דער צדיק ווערט קיינמאל נישט אין כעס, און זיי האבן געוואלט אויס פראבירן דעם צדיק מיט די מדה.

ווי אלע צדיקים בדורו האט דער צדיק רבי איציקל זי"ע אויך געהאט א גאר גרויסע עבודה מיטן שמעקן טאבאק, האבן די מענטשן געבעטן א פשוטע איד, אז ער זאל צו גיין צו רבי איציקל אינמיטן דאווענען, און בעטן א שמעק טאבאק, איז דער פשוטער איד צו געגאנגען צו רבי איציקל אינמיטן די ברכה פון יוצר אור און געזאגט, "יצחק גיב מיר א שמעק טאבאק", דער צדיק רבי איציקל האט בחפץ לב און מיט א שמייכל אהין געגעבן פארן פשוטע איד דעם טאבאק פושקעלע.

אבער נאך אפאר מינוט איז דער איד צוריק געקומען און געזאגט, "יצחק דיין טאבאק איז געוואלדיג, גיב מיר נאך א שמעק טאבאק", לפלא האט דער צדיק רבי איציקל ווייטער מיט א געוואלדיגע רואיגקייט אהין געגעבן פארן איד דעם טאבאק פושקע, דאן ווען דער צדיק האט שוין געהאלטן ביי די ברכה פון גאל ישראל, האט דער איד נאכאמאל געזאגט, "יצחק איך בעט דיר זייער, עס זאל דיר נישט פארדריסן, גיב מיר א שמעק טאבאק", דער צדיק האט בחפץ לב אוועק געגעבן דעם טאבאק פושקע, און דאן האט זיך דער צדיק געשטעלט שמונה עשרה.

נאכדעם וואס דער צדיק האט געענדיגט שמונה עשרה, האט ער געזיכט דעם איד וואס האט געבעטן די טאבאק, די מענטשן דארט האבן געמיינט, אז זיכער זיכט דער צדיק דעם איד, כדי אים צו געבן א פסק פארן אים שטערן אינמיטן דאווענען.

אבער לפלא הערט מען ווי דער צדיק זאגט פאר דעם איד בזה"ל, "לויט ווי איך זעה האסטו זייער ליב צו שמעקן טאבאק, ווייסטו וואס, נעם דיר דאס טאבאק פושקעלע, און ווען איך וועל ברויכן א שמעק טאבאק, וועל איך דיר בעטן, וועסטו מיר אוודאי געבן א שמעק טאבאק", דער צדיק איז בכלל נישט ברוגז געווען אויף דעם וואס דער איד האט אים געשטערט אינמיטן דאווענען, דאס איז געווען זיין גרויסע אהבת ישראל.

א מלמד וואס איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק וקדוש רבי איציקל ווארקער זי"ע, איז אמאל געפארן אויף א שבת קודש צו זיין גרויסן רבין, ווי דער מנהג איז געווען ביים צדיק, איז די שבת ליכט שוין געווען גרייט דאנארשטאג ביינאכט אויפן טיש לכבוד שבת קודש, אבער יענע וואך ווען דער חסיד איז אריין געקומען, האט ער געזען ווי די ליכט זענען נאכנישט גרייט, און ווען ער איז אריין געקומען צום רבין אין שטוב, האט ער געזעהן, אז די רבי טרינקט פשוטע ווארעם וואסער און נישט קיין טיי.

האט דער חסיד גלייך פארשטאנען, אז דאס דחקות ביים רבין אין שטוב איז געפערליך און ער האט מן הסתם נישט קיין געלט צו קויפן ליכט פאר שבת און אויך נישט טיי מיט צוקער, איז דער מלמד גלייך ארויס געלאפן אין געשעפט, און ער האט איין געקויפט ליכט און טיי און צוקער ברווח, און ער האט דאס אריבער געטראגן צום רבין אין שטוב.

ווען דער צדיק רבי איציקל זי"ע האט דאס געזעהן, האט זיין פנים אויפגעלאכטן אז ער וועט אי"ה האבן פון וואס שבת צו מאכן, און דער צדיק האט געזאגט פארן מלמד בזה"ל, "האסט געטראפן אין פינטל און די גוטע מינוט", און פרייטאג צו נאכטס ביים טיש האט דער צדיק רבי איציקל זי"ע געהייסן פארן גבאי'ן, "שטעל משקה פאר דעם מלמד–דער גביר".

לפלא נאך שבת קודש ווען דער מלמד איז אהיים געפארן, האט זיך אים געמאכט עטליכע גוטע געשעפטן, און פון דעם איז ער שטארק נתעשר געווען, אלעס דורך דעם וואס ער האט מהנה געווען דעם צדיק און באקומען א ברכה פונעם צדיק.

ווערט דערציילט דעם גרויסן כוח פונעם צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע, אמאל איז געווען א איד וואס האט אפגעדינגען א קרעטשמע פון די רעגירונג, און פון דעם האט דער איד געהאט שיין פרנסה, אבער די גוים פון דארף האבן זייער מקנא געווען דעם איד אז ער האט שיין פרנסה, האבן זיי אפ געמאכט צווישן זיך, אז ווען עס וועט קומען די קומענדיגע יאר צו באנייען דעם קאנטראקט, וועלן זיי אריין געבן א העכערע פרייז פונעם איד, ביז דער איד וועט פארלירן דעם קרעטשמע.

ווען דער איד איז געוואר געווארן וועגן די פלאן פון די גוים און פון דעם גרויסן צרה אז ער קען ח"ו פארלירן זיין פרנסה, איז ער גלייך אריבער געפארן צום צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע, כדי צו בעטן דעם רבין אז ער זאל אים צו זאגן א ישועה.

דער איד איז אנגעקומען קיין ווארקא אינמיטען די נאכט, איז ער אריין אין ביהמ"ד און זיך געזעצט לערנען צווישן די חסידים, און געווארט מען זאל אריין לאזן צום רבין,

אבער לפלא פלוצלונג קומט ארויס דער צדיק רבי איציקל זי"ע, און ער ריפט זיך אן, "אפשר איז דא איינער וואס קען מנדב זיין הונדערט רובל פאר צדקה", דער חסיד האט נישט געטראכט קיין צוויי, נאר האט תיכף ארויס גענומען הונדערט רובל און דאס אהין געגעבן פארן רבין, לפלא האט די זעלבע פאסירט דריי מאל, דער רבי האט געבעטן ווער עס קען געבן הונדערט רובל, און יעדעס מאל האט דער איד אהין געגעבן דאס געלט פארן רבין בסבר פנים יפות,

דאן איז דער רבי דער צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע ארויס געקומען און געזאגט בזה"ל, "א איד וואס גיבט צדקה חוץ לדרך הטבע, ווערט דער איד געהאלפן פון הימל חוץ לדרך הטבע", דער איד מיט זיין גרויסע אמונת צדיקים האט שוין מער גארנישט געברויכט, ווייל ער האט געגלייבט באמונה שלימה, אז די רבי האט אים דא גע'פועל'ט א ישועה בקרוב,

דעם טאג ווען עס האט געברויכט פארקומען די ליציטאציע, איז דער איד אויף געשטאנען פארטאג'ס און געלערנט און אויס געזאגט תהילים, און געבעטן אז די שונאים זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף אים, און דאן איז דער איד אריבער צום פלאץ פונעם ליציטאציע, און מיט זיין גרויס אמונת צדיקים און מיט זיין גרויסע בטחון בשם געגליבט אז ישועה קרובה לבוא,

ווי ערשטוינט איז ער געווארן, אז ווען ער איז אנגעקומען צום פלאץ איז קיינער דארט נישט געווען אויסער אים, קיינער פון די קעגנער זענען דארט נישט געווען, פארשטייט זיך אז אזוי יעדעס יאר האט ער באקומען דעם קרעטשמע פאר די זעלבע פרייז ווי ער האט אייביג געצאלט,

אויפן וועג צוריק טרעפט דער איד די גוים וואס האבן געוואלט אויס כאפן דעם קערטשמע, און זיי דערציילן אים מיט וואונדער, אז שוין עטליכע שעה וואס זיי בלאנדזשען אויפן וועג און קענען נישט טרעפן דעם וועג צום ליציטאציע, און זיי פארשטייען באמת נישט פארוואס, ווייל דער וועג איז געווען גאנץ א גראדע וועג אז מען וואלט בכלל נישט געברויכט בלאנדזשען, אבער דער איד האט שוין גאר גוט געוואוסט פארוואס דאס האט פאסירט, ווייל אז דער רבי זאגט שלא כדרך הטבע, ווערט מען טאקע געהאלפן שלא כדרך הטבע.

ווערט דערציילט א מעשה נורא וואס האט אמאל פאסירט ביים גרויסן צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע, א איד איז געקומען אינגאנצן צובראכן צום הייליגען צדיק און האט מזכיר געווען, אז זיין קינד איז זייער נישט געזונט, און דער איד האט געבעטן פונעם צדיק א ברכה, אז דאס קינד זאל בקרוב געזונט ווערן,

דער צדיק רבי איציקל זי"ע האט זיך פאטראכט פאר אפאר מינוט, און דאן זאגט ער פאר דעם איד, איך האב אנגעפרעגט אויבן אין הימל, און ליידער איז נישט דא גארנישט וואס איך קען דיר העלפן מיטן קינד, אבער דער צדיק רבי איציקל וואס האט זיין גאנץ לעבן געברענט מיט א געוואלדיגע אהבת ישראל, זאגט פאר דעם איד, "איך קען דיר טאקע אפשר נישט העלפן, אבער כאטש לאמיך וויינען צוזאמען מיט דיר און מיט שפירן דיין צער און פיין", און דער צדיק האט געוויינט צוזאמען מיטן חסיד אויפן צרה,

שפעטער האט מען מגלה געווען פארן צדיק, אז עס האט זיך געמאכט א עת רצון און דאס קינד וועט בקרוב געזונט ווערן, איז דער צדיק גלייך אריבער געלאפן מבשר זיין די בשורה טובה פארן חסיד, און דער צדיק האט געזאגט פארן חסיד, איך האב באמת נישט געהאט קיין וועג ווי אזוי צו פועל'ן א ישועה פאר דיין קינד, אבער מיט דעם וואס איך האב מיט געוויינט מיט דיר און זיך משתתף געווען אין דיין צער, איז געווארן א גרויסע רעש אין הימל, און נאר דאס האט געברענגט די ישועה.

אמאל האט דער צדיק וקדוש רבי איציק'ל מווארקא זי"ע געברויכט זיין אין ווארשא כדי עפעס צו פועל'ן לטובת הכלל, ער האט צו דעם געדארפט אז עס זאל מיטגיין מיט אים דער גאון מפורסם הגה"ק רבי שלמה זלמן ליפשיץ בעל חמדת שלמה מווארשא זי"ע, ווייל דער ווארשעווער רב דער הייליגער חמדת שלמה האט געהאט שטארקע פארבינדונגען מיט די שרי המלוכה,

ווען דער הייליגער ווארקער זי"ע איז אנגעקומען צום הייליגען חמדת שלמה, האט דער ווארקער צדיק נישט געוואלט אז מ'זאל שטערן דעם ווארשעווער רב אינמיטן לערנען, אבער ווען רבי איציק'ל האט אונטערגעהערט ווי דער חמדת שלמה מוטשעט זיך אויף א געוויסע תוספות, האט ער פארשטאנען אז עס וועט נעמען פיל

צייט ביז דער חמדת שלמה וועט ענדיגן מברר זיין די סוגיא, און דורך דעם וועט ער פארלירן היבש צייט מיטן ווארטן אויפ'ן חמדת שלמה צו ענדיגן לערנען,

האט ער זיך אריינגערוקט אין שטוב פונעם חמדת שלמה, און דער חמדת שלמה האט אים זייער שיין אויפגענומען, און דער הייליגער חמדת שלמה האט געפרעגט דעם ווארקער צדיק וואס איז זיין באגער, האט רבי איציק'ל אים געזאגט, אז ער בעט אים שטארק צו קומען מיט אים אויס'פועל'ן ביי די שרי המלוכה לטובת הכלל,

זאגט אים דער הייליגער חמדת שלמה זי"ע, "ווארקער רבי, איך בין דא פארטיפט אין א שווערן תוספות, און איך מוטשע מיך שוין פאר א לאנגע צייט גאר שטארק, אויב זאגט איר מיר פשט, גיי איך תיכף מיט אייך", דער ווארקער רבי האט גענומען לערנען די גמרא מיט'ן תוספות, און געזאגט יעדעס ווארט קלאר און דייטליך,

און פלוצלונג שפרינגט אויף דער הייליגער חמדת שלמה און זאגט, עס איז שוין גוט פארשטענדליך דעם תוספות, פיל מאל האב איך זיך געמוטשעט אבער אן ערפאלג, און לכבוד דעם גיי איך שוין מיט אייך טוען לטובת הכלל,

דער זון פונעם הייליגען ווארקער הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינוב זי"ע האט דאן געפרעגט זיין פאטער, וואס איז דער הסבר, אז אזא גדול בישראל ווי דער חמדת שלמה האט זיך אזוי געמוטשעט, און דו האסט עס אזוי שנעל געכאפט, האט אים דער פאטער געענטפערט, "מיין טייער קינד, עס איז באמת גאר א שווערן תוספות, אבער היות איך האב געדארפט שתדלן לטובת הכלל, האב איך געבעטן השי"ת, ער זאל מיר תיכף באלייכטן די אויגן אין תוספות, כדי איך זאל קענען העלפן אידן וואס דארפן ישועות, און ווי דו זעהסט האט מיר טאקע השי"ת געגעבן סייעתא דשמיא איך זאל פארשטיין תיכף דעם תוספות בזכות הרבים".

ווי ערווענט האט דער צדיק וקדוש רבי איציק'ל ווארקער זי"ע יעדן פארנאכטס צווישן מנחה און מעריב פאר געלערנט פאר'ן עולם א שיעור אין מדרש, זיין זון דער יונגער ווארקער רבי הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע האט געזאגט, "דער טאטע האט מיט זיין מדרש לערנען ארויסגענומען טויזנטער אידן פון שאול תחתית", און דער זון האט דערציילט,

עס האט אמאל פאסירט אינמיטן פאר לערנען דעם שיעור אין מדרש, אז איינער פון די אנוועזנדע האט גע'חלש'ט, איז דער הייליגער ווארקער רבי צו געגאנגען צו אים, אים אריינגעשעפשעט עפעס אין אויער, און יענער האט זיך דערוועקט, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די תלמידים און זיי האבן נישט פארשטאנען וואס דא איז פאר געקומען,

ווען מ'האט געפרעגט יענעם, וואס איז דער פשט אז ער איז פארשלאפט געווארן, האט ער געענטפערט, אז ער האט אינמיטן שיעור געהערט ווי דער רבי רעכנט אויס בפרטיות אלע עבירות אויף וועלכע ער האט שוין עובר געווען, מיום הוולדו ביז היינט, און ער האט נישט געהאט קיין כח אויסצוהאלטן אזא שרעקליכע בושה ברבים, און דערפאר האט ער גע'חלש'ט, האט אים רבי איציק'ל אריין געמורמלט אין אויער, אז קיינער פון די ארומיגע פארזאמלטע האבן דאס נישט געהערט, נאר ער אליין, און דאס האט אים בארואיגט און ער האט זיך אויף געכאפט.

דער צדיק וקדוש השרף מקאצק זי"ע האט אמאל דערציילט, אז ער האט איינמאל געהערט פון זיין גרויסן רבין הרה"ק רבי בונם מפשיסחא זי"ע, אז ער רבי בונם זי"ע וועט נאך אויף שטעלן א תלמיד וואס וועט זיין אזוי גרויס ווי דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און אין מצוות און מעשים טובים וועט ער נאך זיין אפילו גרעסער, האט דער הייליגער קאצקער געזאגט, אז אנפאנג האט ער געמיינט אז די רבי רעדט פון אים דער שרף, אבער שפעטער האט ער געזעהן, אז די רבי האט מיט דעם געמיינט דעם צדיק רבי איציקל ווארקער זי"ע.

איבער די געוואלדיגע אהבת ישראל פונעם צדיק וקדוש רבי איציקל מווארקא זי"ע, און זיין מידה טובה פון ממליץ טוב זיין אויף אידישע קינדער, ווערט געברענגט די מעשה, דער צדיק וקדוש רבי איציקל זי"ע פלעגט כסדר איינשטיין אין שטוב פון א חסיד, וואס האט ליידער גערעדט זייער נישט שיין קעגן זיין רבין דער צדיק רבי בונם מפשיסחא זי"ע, וואס ווי באקאנט איז געווען א גרויסע התנגדות אויף דרך פונעם צדיק רבי בונם זי"ע,

האט מען אמאל געפרעגט דעם צדיק רבי איציקל, היתכן ער שטייט איין אין שטוב פון דעם איד וואס רעדט בגנות פון זיין גרויסן רבין, עס איז דאך נישט קיין כבוד אז די רבי זאל דאס טון, האט דער צדיק רבי איציקל געזאגט,

אז ער טוט דאס, צוליב א מעשה וואס האט אמאל פאסירט מיט אים, און דער צדיק דערציילט,

אמאל בין איך געווען אין ביהמ"ד און געדאווענט שחרית, און דאס פנים איז מיר געווען איינגאנצן איבער געדעקט מיטן טלית, פלוצלונג קומט אריין א פרוי און זאגט "דאס איז ער", די מענטשן האבן געכאפט שטעקנ'ס און מען האט דעם צדיק גוט אנגעשלאגן, אבער ווען מען האט אראפ גענומען דעם טלית פונעם קאפ פונעם צדיק, האט מען געזעהן אז דא איז פאר געקומען א שרעקליכע טעות, ווייל מען האט געזיכט איינעם וואס האט אויס געזעהן אין געשטאלט אזוי ווי דעם צדיק,

פירט אויס דער צדיק רבי איציקל זי"ע, האבן די אידן דען געוואלט מיך מבזה זיין, אוודאי נישט ווייל זיי האבן דאך געמאכט א טעות און זיי האבן נישט געוויסט ווער איך בין, די זעלבע איז מיט דעם איד, ווייל גלייבט מיר, אויב וואלט דער איד געקענט דעם רבין ר' בונם, וואלט ער נישט גערעדט אויף אים, ממילא קומט דאך אויס אז ער רעדט נישט אויפן רבין, ווייל ער קען דאך אים נישט באמת, ווייל דאס איז געווען די גרויסע אהבת ישראל פונעם צדיק, אז ער האט באמת געגלייבט אז א איד וויל ח"ו נישט טון קיין עוולה, נאר ער ווייסט באמת נישט ווער די רבי איז, און דערפאר רעדט ער אויפן רבין.

ווערט דערציילט א מעשה וואס ברענגט שטארק ארויס די גרויסע אהבת ישראל פונעם צדיק רבי איציקל מווארקא זי"ע, דער זוהן הרה"ק רבי מנחם מענדל הנקרא הרבי הצעיר מווארקא זי"ע האט געהאט א געשעפט פון ווי ער האט געצויגען זיין פרנסה, איין נאכט האט זיך ליידער אריין געכאפט א גנב אינעם געשעפט, און ער האט גע'גנב'ט א חלק פונעם געשעפט, און די קומענדיגע נאכט איז דער גנב צוריק געקומען, און גע'גנב'ט די איבעריגע סחורה, ווען מען האט די מעשה דערציילט פארן טאטן רבי איציקל מווארקא זי"ע, האט דער צדיק מיט זיין גרויס אהבת ישראל געזאגט בזה"ל, "א רחמנות אויפן גנב, ער איז נישט געשלאפן צוויי נעכט".

**יארצייט**
**מאנטאג כ״ג ניסן**

**הגה״ק רבינו משה די טראני ב״ר יוסף זי״ע,**
**בעל המבי״ט מצפת,**

ער איז געבוירן אין שטאט שאלוניקי, בערך בשנת ר״ס,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי יוסף מטראני זי״ע, פון די משפחה פון חכמים מגורשי ספרד, זיי האבן זיך מתייחס געווען צו הגה״ק רבי ישעיה די טראני זי״ע, פון די גדולי ראשוני איטליה,

ער איז געווען א גאון הגאונים סיני עוקר הרים, ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, ער האט זיך מוסר נפש געווען זיין גאנץ לעבן להגדיל תורה ולהאדירה, ער האט מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, אויך זיין אייגן געלט האט ער אויס געגעבן למען הציבור,

ער איז געווען פון די גרעסטע גאונים בדורו און פון די גרויסע מקובלים בדורו, רוב גדולים און מקובלים בדורו האבן דעם צדיק וקדוש גאר שטארק מעריך און מכבד געווען, ער האט ארויסגעגעבן תלמידים גדולים און גאונים בתורה,

בימי נעוריו האט ער געלערנט אין שטאט אנדרינופול ביי זיין פעטער הגה״ק רבי אהרן די טראני זי״ע וואס איז געווען אין די ישיבה פון הגה״ק רבי יוסף פאסי זי״ע, און ער איז שוין דאן געווען פארעכענט צווישן די גדולי דורו,

בשנת רע״ח איז דער הייליגער מהבי״ט ארויף קיין ארץ ישראל און ער איז געגאנגען וואוינען אין עיה״ק צפת, און דארט האבן זיך שוין מדבק געווען אין אים אסאך גדולי תורה.

בשנת רפ״ה איז ער אריין לערנען צוזאמען מיט אלע חכמי צפת אין די ישיבה פון הרה״ק רבי יעקב בירב זי״ע, הנקרא מהר״י בירב, וואס זיין ישיבה איז געווען באוויסט פון די חשובסטע ישיבות בדורו, און עס האט נישט גענומען אסאך צייט ביז זיין רבי האט אים פארעכענט פון זיינע תלמידים אהובים, עד כדי כך אז ווען עס איז געקומען צו גאר שווערע פסקים בהלכה, האט זיך זיין רבי דער הייליגער מהר״י בירב זי״ע סומך געווען אויף זיין פסק,

שפעטער איז ער אריין אלס איינע פון די דיינים אונעם בי״ד פונעם הייליגען מהר״י בירב זי״ע,

דער מהר״י בירב זי״ע איז דאן געווען פארעכענט פון די דמות העליונה בדור, און ער האט מסמך געווען ״בסמיכות חכמים״ 4 פון זיינע גרויסע תלמידים גדולי תורה ידועים ומפורסמים, וואס דאס איז געווען א נייע חידוש פון סמיכה און יענע צייט, און צווישן די 4 תלמידים איז געווען הגה״ק המבי״ט זי״ע, און דער הייליגער בית יוסף זי״ע,

י״ג ניסן בשנת של״ה נאכן פטירה פונעם הייליגען בית יוסף זי״ע, האט ער איבער גענומען אלס ראש בית דין פאר די קומענדיגע 5 יאר ביז צו זיין הסתלקות,

דער הייליגער מבי״ט זי״ע האט זיין גאנצע לעבן מקדיש געווען להרבצת התורה, ובפרט דארט אין צפת עיר החכמים וגדולים,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים.
קרית ספר,
שו״ת המבי״ט,
ספר בית אלקים,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הגה״ק רבי שלמה רב במצרים זי״ע,
הגה״ק רבי יוסף די טראני מהרימ״ט בעל צפנת פענח זי״ע.

נסתלק לגנזי מרומים ביי די 80 יאר, ביום כ״ג ניסן בשנת ש״מ, ומנחתו כבוד איז אין ביה״ח הישן אין צפת, סמוך ונראה צום הייליגען אר״י הקדוש זי״ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**דינסטאג כ״ד ניסן**

**הרה״ק רבי יוסף ב״ר צבי הירש הכהן זי״ע,**
**(פריעדמאן), מרימנוב,**
**״הנקרא בלשון חיבה רבי יוסילי מרימנוב״**

ער איז געבוירן אין שטאט רימנוב, ו׳ טבת בשנת תר״ד.

צו זיין טאטן הרה״ק רבי צבי הירש הכהן מרימנוב זי״ע, הנקרא ר׳ הערש משרת,
דער ממלא מקום פון הרה״ק רבי מענדל׳ע מרימנוב זי״ע, בן הרה״ק רבי יהודה לייב הכהן כ״ץ מדומברובה זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מלכה ע״ה,

די טאטע הרה״ק רבי הערשעלע מרימנוב זי״ע, האט געהאט 18 קינדער, און רח״ל 16 דערפון זענען נפטר געווארן יונגערהייט, און נאר רבי יוסף זי״ע, און א טאכטער הרבנית מרת חוה ע״ה וואס זענען געבוירן געווארן אויף דער עלטער זענען געבליבן,

ווען רבי ר׳ יוסף זי״ע איז געבוירן האט ער נישט געוואלט עסן, זייענדיג א קדוש מרחם אמו, האט די טאטע געזאגט פארן קינד, יוסף הצדיק מען דארף אויך הנאה האבן פון די וועלט, און פון דאן האט ער געגעסן,

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, בוצינא דנהורא חסידא ופרישא, ער איז געווען א גאון עצום און א בקי נפלא בתורה ובחסידות, גרויסע צדיקים און גדולים בדורו האבן דעם צדיק וקדוש גאר שטארק מעריך געווען און מכבד געווען, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

ל׳ חשון בשנת תר״ז איז זיין טאטע נסתלק געווארן ווען דער זוהן יוסף איז געווען 3 יאר אלט, און ווען עס איז געקומען צו קדיש זאגן, האט דאס קינד געזאגט זייער שטיל קדיש, האט מען א שאקל געגעבן דעם קינד אז ער זאל זאגן העכער, אבער עס האט נישט געהאלפן, נאך אפאר מאל האט דער קינד געזאגט, וואס זאל איך טון דער טאטע שטייט דא בשעתן קדיש זאגן.

נאך די פטירה פונעם טאטן האט די מאמע חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרה״ק מרוזין זי״ע וואס האט דאן נאך געוואוינט אין סאדאגורא, און דער הייליגער ריזשינער זי״ע האט זיך משתעשע געווען מיטן קינד און אים גערופען ״יוסף הצדיק״, און דערפאר האט דער צדיק וקדוש רבי יוסף מרימנוב זי״ע גענומען דעם משפחה נאמען ״פריעדמאן״, נאכן הייליגער רוזינער זי״ע,

ער פלעגט יעדן שבת זאגן א גוט שבת פארן הייליגער רוז׳ינער זי״ע, איין וואך שבת האט זיך דער קינד יוסף נישט גוט געפיעלט און נישט געקומען זאגן גוט שבת, איז דער הייליגער רוז׳ינער געגאנגען בכבודו בעצמו זאגן גוט שבת פארן קינד.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת פריידא ע״ה, למשפחת שור, די מאמע איז געווען א טאכטער פון הרה״ק רבי אברהם מסקווירא זי״ע, בן הרה״ק רבי אהרן מטיטוב זי״ע, בן הרה״ק רבי צבי זי״ע, בן הבעש״ט הקדוש זי״ע.

נאך זיין חתונה האבן די חסידים אין שטאט רימנוב זייער געבעטן דעם צדיק, אז ער זאל איבער נעמען דאס רבנות און זיין דער ממלא מקום פונעם גרויסן טאטן, אבער דער צדיק מיט זיין גרויס ענויות האט נישט מסכים געווען צו נעמען א רבנות, האלטענדיג פון זיך ממש גארנישט, נאך די פטירה פונעם הייליגער רוזינער זי״ע, האט ער זיך מדבק געווען אינעם ממלא מקום פונעם רבין הרה״ק רבי אברהם יעקב מסדיגורא זי״ע,

אבער בשנת תרכ״ז האט אים דער הייליגער צדיק רבי אברהם יעקב מסדיגורא זי״ע געזאגט, אז ער זאל נעמען דאס רבנות אין שאט רימנוב אלס ממלא מקום פונעם גרויסן טאטן, און אפילו ער רבי יוסף האלט נישט אז ער איז טאקע ראוי לאותו איצטלא, אבער דער גרויסער באשעפער וועט אים העלפן, אז ער וועט אי״ה מצליח זיין צו משפיע זיין תורה וקדושה, און מיטן באשעפער׳ס הילף וועט ער ממלא זיין דעם תפקיד,

דאן בשנת תרכ״ז האט דער צדיק טאקע אן גענומען דאס רבנות אין רימנוב, און ער האט דאן אנגעהויבן פירן דאס רבנות מיט א געוואלדיגע שטארקייט, טויזנטער אידן האבן זיך מדבק געווען אין אים, אויך גרויסע צדיקים בדורו האבן זיך אין דעם צדיק מדבק געווען ובתוכם,

הרה״ק רבי משה מראזוואדוב זי״ע,
ובנו הרה״ק רבי יצחק מסטוטשין זי״ע,

הרה״ק רבי ראובן דעמביצער זי״ע, א זוהן פונעם צדיק רבי אליעזר מדזיקוב זי״ע האט געזאגט, אז עס איז נישט קיין וואונדער אז די ברכות פונעם רבין ווערן מקיים,

ווייל יעדע ברכה וואס די רבי דער צדיק וקדוש רבי יוסף וואונטשט, זיצט זיין הייליגע טאטע רבי הערשעלע זי"ע אין גן עדן, און זאגט אמן, און דערפאר ווערן אלע זיינע ברכות מקיים.

איינע פון די חסידים פון רימנוב האט געפרעגט פונעם צדיק וקדוש רבי אברהם יעקב מסדיגורא זי"ע, אויב דער רבי יוסף איז א בעל מדריגה, האט דער סאדאגורער רבי זי"ע געזאגט, אז ווען מען גיבט פאר א זוהן פון א צדיק א הנהגות רבנות קומט מיט דעם אויך מיט די אלע מדריגות פונעם טאטן.

ווען דער צדיק וקדוש רבי וסלי מרימנוב זי"ע פלעגט דערמאנען זיין הייליגען טאטן זי"ע, פלעגט ער נישט זאגן מיין הייליגע טאטע זי"ע, נאר געזאגט "הצדיק מרימנוב זי"ע", און ער האט געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, אז ער איז נישט ווערט זיך מתייחס צו זיין נאך אזא צדיק וקדוש ווי זיין טאטע זי"ע.

ער האט איבער געלאזט א בת יחידה הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה, אשת הרה"ק רבי אשר ישעיה הורביץ בעל מעדני מלך זי"ע, און בזיווג שני אשת הרה"ק רבי ישראל שלום יוסף פריעדמאן מבוהוש זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ד ניסן בשנת תרע"ג, ומנחתו כבוד איז אין שטאט רימנוב אינעם אוהל פון זיין טאטע זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הגה"ח רבי אפרים פישל רבינוביץ ראש ישיבת תפארת ישראל מרוזין זי"ע האט פארציילט, אז איינמאל זענען געקומען אידן פון א שטאט צו הרה"ק רבי אברהם יעקב מסדיגורא זי"ע, און מזכיר געווען, אז ביי זיי אין שטאט איז דא אן עצירת גשמים, און די אידן פון שטאט ברויכן זייער האבן רעגן פאר זייער פרנסה, און זיי האבן געבעטן דעם צדיק מסדיגורא, אז ער זאל זיי אן וואונטשען א ברכה אז עס זאל קומען רעגן.

האט הרה"ק מסדיגורא זי"ע געזאגט, עס שטייט אין פסוק, (ויקרא כ"ו ג') "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם", דאן זאגט די פסוק, "וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם", און דאס איז די עצה פאר רעגן, האט איינע פון די אידן וואס איז געווען א גאר פשוטע איד זיך אנגערופן צום רבין, "יא בחוקתי, נישט בחוקתי, אבער רעגן דארפן מיר", ווען דער צדיק האט געהערט די ווערטער, האט זיך דער הייליגער סאדאגורער זי"ע אויף גישטעלט און ארים געגאנגען אינעם שטוב זייער פארקאכט, און מען האט געזען ווי דער צדיק וויל באמת העלפן די אידן מיט זייער צרה.

בשעת מעשה איז דער הייליגער צדיק רבי יוסף מרימנוב זי"ע אריין געקומען, האט אים דער סאדוגערער רבי זי"ע געבעטן, אז ער זאל אים זאגן א דבר תורה פון זיין הייליגען טאטן רבי הערשעלע מרימנוב זי"ע, האט דער רבי יוסף זי"ע געזאגט, דער טאטע האט געזאגט אויפן פסוק, (שמות ט"ז ד') "הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם, לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי אִם לֹא", האט דער טאטע געזאגט, אז הקב"ה זאגט פאר די אידן הנני ממטיר לכם לחם, בין אם ילכו בתורתו ובין אם לא ילכו.

ווען דער הייליגער סאדאגורער רבי זי"ע האט דאס געהערט, האט ער זיך בארואיגט און געזאגט, דאס איז זיכער א רמז מן השמים אז ער האט יעצט געהערט דעם ווארט, און ער האט מעורר געווען די אידן אויף שמירות התורה און צו געזאגט, אז אין דעם זכות וועט קומען רעגן מיט א שפע, און טאקע נישט אסאך נאכדעם זענען די אידן געהאלפן געווארן מיט א שפע רב מן השמים דורך די כח פון די צוויי צדיקים.

הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע פלעגט יעדעס יאר ביים יארצייט פונעם צדיק וקדוש רבי יוסף מרימנוב זי"ע דערציילן, אז איינמאל איז א פשוטע איד אריין געקומען צום צדיק רבי יוסף מרימנוב זי"ע מיט א קוויטל, און צווישן די בקשות האט דער איד געבעטן פונעם רבין א ברכה, אז ער וויל זוכה זיין צו יראת הרוממות.

ווען דער צדיק וקדוש רבי יוסף מרימנוב זי"ע האט געזען דעם בקשה אינעם קוויטל, האט זיך דער צדיק צושמייכעלט און ער האט געלאכט, ווען די רעבעצין האט געזען ווי דער צדיק וקדוש לאכט, האט זי פארשטאנען אז עפעס ליגט אינטער דעם, ווען זי האט געפרעגט דעם צדיק וואס דער געלעכטער איז, האט דער צדיק מיט זיין תמימות און זיין מידת האמת געזאגט, דער איד בעט פון מיר עפעס וואס איך האב אויך זייער חשק צו האבן, יראת הרוממות.

**יארצייט**
**מיטוואך כ"ה ניסן**

**הרה"ק רבי חיים ב"ר אריה לייבוש זי"ע,**
**(הלברשטאם), בעל דברי חיים, אדמו"ר מצאנז,**

ער איז געבוירן אין שטאט טארניגראד, בשנת תקנ"ג,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי אריה לייבוש אב"ד טארניגראד זי"ע,
בן הרה"ק רבי שמחה מבראד זי"ע,
נין ונכד הרה"ק רבי צבי הירש חריף בעל חכם צבי אב"ד האלבערשטאדט זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מרים ע"ה,
בת הגה"ק רבי דוד מטארניגראד זי"ע,
נין ונכד הגה"ק רבי צבי הירש חריף בעל חכם צבי אב"ד האלבערשטאדט זי"ע,

ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור נורא מאוד, גאון עולם אספקלריא המאירה מנורה הטהורה און דער שר התורה בדורו, יחיד בדורו בתורה ובקדושה, סבא קדישא המפורסם בכל קצוי ארץ, רבן של כל בני הגולה, דער הייליגער צאנזער איז געווען מפורסם אלס דער בעל צדקה וחסד נפלא בדורו, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, און צו מיט האלטן זיין עבודת הקודש וואס איז געווען מיט א אש קודש און א געוואלדיגע דביקות בשם, ער איז געווען א בעל מופת עצום און פון די גרעסטע פועלי ישועות בימיו, און עד היום זעהן אידן גרויסע ישועות גייענדיג אויף ציון קדשו ביום היארצייט אדער סיי ווען איבערן יאר,

שוין פון אלס יונג קינד איז דער צדיק וקדוש געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע חריפות ובקיאות בתורה, ווי עס איז באוויסט איז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שוין פון אלס קינד געווען הונקעדיג אויף א פיס, איז אבער זיין גדלות בתורה איבער געשטיגען אלעס, אז די אידן אין שטאט האבן דעם קינד גאר שטארק געשעצט צוליב זיין געוואלדיגע ביקאות און התמדת התורה,

די טאטע פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז הרה"ק רבי אריה לייבוש זי"ע וואס איז געווען א גאון בתורה, האט אויך עוסק געווען במסחר פאר פרנסה, ער איז געווען מגדולי חסידים פון הרה"ק רבי אברהם משה מפשעווארסק הראשון זי"ע, וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, וואס האט מעיד געווען אויף זיין תלמיד רבי אברהם משה זי"ע, אז ווען ער זאגט תהילים קומט דוד המלך ע"ה און זאגט מיט תהילים, אויך אז ער איז א בעל רוח הקודש און ער האט געהאט גילוי אליהו הנביא ז"ל,

איינמאל ווילענדיג ביי זיין גרויסן רבין רבי אברהם משה מפשעווארסק זי"ע, איז דורך פארענט פונעם רבין איינע פון זיינע טעכטער וואס איז שוין געווען בערך 12 יאר אלט, אבער דער צדיק רבי אברהם משה זייענדיג אינגאנצן אויס געטון פון די וועלט, האט בכלל נישט דערקענט זיין אייגענעם טאכטער, דערפאר האט פאר דעם צדיק אנגעכאפט א פחד און ער איז דערציטערט געווארן פון זיין גרויסע קדושה ופרישות, אבער די רעבעצין האט אים גלייך געזאגט, פארוואס בוסטו אזוי דערציטערט געווארן, דאס איז דאך אונזער טאכטער,

האט זיך דער צדיק וקדוש רבי אברהם משה זי"ע אנגעריפן, אויב איז אונזער טאכטער שוין אזוי גרויס, ברויך מען דאך זען א שידוך פאר איר, ברויך מען דאך האבן געלט פאר די חתונה, דער תלמיד רבי אריה לייבוש זי"ע וואס האט געהערט די ווערטער פון זיין רבין, האט געהאט מיט זיך א בינטל געלט וואס ער האט אנגעגרייט פאר מסחר, האט ער אהין געגעבן דעם גאנצן סכום וואס ער האט געהאט פאר זיין רבין, אז ער זאל מיט דעם קענען חתונה מאכן זיין טאכטער,

זיין רבי ר' אברהם משה זי"ע אז גאר שטארק דערפרייט געווארן פון די געלט וואס ער האט באקומען פון זיין תלמיד, האט ער פון גרויס פריידט אנגעוואונטשען פארן תלמיד רבי אריה לייבוש זי"ע, וואס האט נאך דאן נישט געהאט זוכה געווען צו קיין קינדער, אז עס זאל ביי אים געבוירן ווערן א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און קדושה, און פון דעם ברכה איז צו זיי געבוירן געווארן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס ער האט מיט זיין גדלות בתורה און זיין אויסטערלישע קדושה פארשיינט די וועלט דאן און שיינט נאך אריין אין די הערצער פון אידישע קינדער תורה און קדושה און ריינע אמונה בשם עד היום הזה,

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע איז געווען א גדול אין די דריי עמודי עולם:

תורה,
ער איז בימיו געווען פון די גרעסטע גדולים בתורה, און א בקי בכל התורה כולו, אויך איז ער געווען דער פוסק הדור און געשריבען תשובות אין אלע מקצועות התורה, און די גדולי הדור האבן זיך גערעכנט מיט זיינס א פסק.

עבודה,
זיין דאווענען איז געווען מיט א מורא'דיגע דביקות בהקב"ה, און צדיקים האבן מעיד געווען, אז עס איז נישט צום פארשטיין ווי א בשר ודם האט געקענט אנקומען צו די מדרגות, מען האט געקענט זעהן דאס התפשטות הגשמיות, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מסגף געווען מיט שווערע סיגופים זיך געברענט די הענט אין פייער, זיך גע'טובל'ט אין קאלטע מקוואות, און אריין געפלאנצט אין אידן יראת השם און אהבת השם.

גמילות חסדים,
דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט יעדן טאג פארטיילט אוצרות פון געלט פאר צדקה, און פאר זיך גארנישט איבער געלאזט, ער האט פאר'משכונ'ט זיינע אייגענע חפצים כדי ארויסצוהעלפן אידן, ער איז בימיו געווען מפורסם צווישן די גרעסטע בעלי חסד וואס כלל ישראל האט דאן פארמאגט, צדיקים גדולים און גאונים בתורה האבן ממש באוואונדערט זיין מידת הצדקה וחסד,

טויזנטער אידן פון אלע שטעט און מדינות פולין און אונגארין זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, מען האט ביי דעם צדיק געזעהן אפענע מופתים אן א שיעור, רוב צדיקים בדורו האבן זיך מכניע געווען צו דעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, און זיינס א פסק הלכה און זיינס א מנהג און דרך אין עבודת השם איז פארהייליגט געווארן ביי אלע גדולים און גאונים בדורו,

ער האט מדגיש געווען אויפן לערנען בקיאות, און געזאגט אז א דיין קען נישט פסק'נען קיין הלכות שבת, נאר אויב ער איז א בקי אין מסכת שבת בעל פה, אויך האט ער נישט געלאזט לערנען קבלה ברבים.

איינע פון די הלכות וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט אריין געברענגט ביי אידן איז געווען, לגבי די מקום הנחת תפילין בראש, אז עס ברויך נישט דווקא זיין אינדערמיט, אויך ביי די הלכות מקוואות איז ער געווען א גרויסע מחמיר, און ער איז געווען פון די ראש הלוחמים אויף מאשין מצות, וואס דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט, אז מאשין מצות זענען חמץ גמור, און אויף ציצות אז עס דארף זיין עבודת יד און מניפוץ לשמה.

אויך האט ער געהאט כמה פסקים וואס זענען געווען א חידוש אין די וועלט, ווי אז בחורים זאלן לייגען תפילין חוה"מ, און אז רבנות מוז נישט אריבער גיין פאר קינדער בירושה, נאר מען קען אויך אויף נעמען א תלמיד חכם אדער א תלמיד אלס ממלא מקום.

ער האט געהאט א מנהג יעדן טאג צו זאגן אני מאמין אין אידיש און פלעגט זאגן בזה"ל, "אני מאמין, איך גלייב, גלייב איך דען, איך גלייב דאך נישט, און אזוי האט ער איבער געזאגט אפאר מאל, און קיינער האט דאן בשעת מעשה נישט געמעגט זיין אונעם שטוב.

די סדר פון שלאפען ביינאכט איז געווען, נישט מער ווי צוויי מיט א האלב שעה און אפילו וויינינגער ווי דעם,

דער צדיק וקדוש רבי פנחס מאוסטילא זי"ע, האט אמאל גערעדט פון די גדלות פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, האט ער געזאגט, נישט עסן און נישט שלאפן איז קיין קונץ נישט, ווייל ווען מען זעצט זיך נישט עסן, עסט מען נישט, און ווען מען לייגט זיך נישט שלאפן, שלאפט מען נישט,

אבער ביים צאנזער רב איז געווען א חידוש דאס עצם שלאפן, און ער האט פארציילט בשם הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, אז ער איז געווען אמאל מיט זיין טאטן הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, ביים דברי חיים מצאנז זי"ע, און דער הייליגער דברי חיים האט זיך אנגערופען אז ער וויל זיך צו לייגען,

דער בעלזא רב זי"ע, האט זיך באהאלטן אונעם צימער פון דברי חיים און געוואלט זעהן וואס דער צדיק גייט טון, און ער האט געזעהן, אז ווי נאר דער צדיק האט זיך אראפגעלייגט איז ער גלייך איינגעשלאפן, און 10 מינוט שפעטער איז ער שוין אויף געשטאנען און געזאגט, "איך האב מיך מחי' געווען", און דער הייליגער צדיק רבי פנחס מאוסטילא זי"ע האט אויס געפירט, דאס הייסט אן עבודה צו קענען שלאפן נאר 10 מינוט און זיין אויס גערועט.

איין שבת האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע דערציילט א מעשה, אז עס איז געווען א מלך און א חכם גדול וואס פלעגט זייער ווייניג שלאפען, האט מען אים געפרעגט פארוואס ער שלאפט אזוי ווייניג, האט ער געזאגט, אז בשעת איך שלאף בין איך דאך נישט מלך, און איך וויל נישט פארשלאפן די מלוכה,

האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט די נמשל איז, שבת קודש איז א שאד צו שלאפן, ווייל מען

פארשלאפט דעם שבת קודש, נאר וואס דען, ווען עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט נאך חצות, און ער האט געזאגט בזה"ל, "עיניך לנכח יביטו" און נב"ח איז ר"ת נשמת כל חי, און דערפאר מיז מען זיך גיין אביסל לייגען, אז מען זאל קענען זאגן מיטן גאנצן כח שבת צופרי "נשמת כל חי".

הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע, וואס דער הייליגער צאנזער רב איז אסאך געפארן צו אים אין די יונגע יארן האט אמאל מעיד געווען אויפן רבין דער הייליגער דברי חיים זי"ע בזה"ל, "שהוא עתיד להיות מנהיג הדור".

ער איז מוסמך געווארן להוראה דורך הגה"ק רבי משה יהושע העשיל אורנשטיין בעל ים התלמוד זי"ע, א ברודער פון הגה"ק רבי יעקב משולם בעל ישועות יעקב זי"ע, אויך איז דער דברי חיים זי"ע מוסמך געווארן להוראה דורך הגה"ק רבי אפרים זלמן מרגליות מבראדי זי"ע.

ער איז געווען א תלמיד פון צדיקי דורו ובתוכם, הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, וואס די צאנזער רב פלעגט אים רופן "דער אלטער רבי", דער צאנזער רב זי"ע האט זיך מכניע געווען פארן הייליגען ראפשיצער רב און פלעגט דאן זיין ווי א פשוטע תלמיד ביי א רבין, אפילו שוין זייענדיג דאן מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש ממש,

נאכן פטירה פון זיין רבו מובהק דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, האט ער זיך מדבק געווען מיט א געוואלדיגע דביקות אינעם איידעם און ממלא מקום הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע, דערציילט מען אז דאן בשנת תקפ"ז ווען רבי אשר'ל זי"ע האט איבער גענומען דאס רבנות אין ראפשיץ, איז דער דברי חיים שוין געווען פון די גרעסטע רבי"ס בדורו, אבער מיט דעם אלעם פלעגט דער דברי חיים פארן קיין ראפשיץ אויף שבתים זיך מסתופף זיין בצלו פון רבי אשר'ל זי"ע אלס זיין רבי,

אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון זיין רבי הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, און אים גערופען "דער רבי", אויך איז ער אסאך געפארן צו הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, הרה"ק מרוזין זי"ע, און הרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע.

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט זאגן, אז אויף שבת פרה דארף מען פארן צום צדיק הדור, פלעגט ער טאקע פארן צו זיין רבין הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע, און נאכן פטירה איז ער געפארן צום איידעם דער ממלא מקום הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע, אדער צו הרה"ק בעל ארי' דבי עילאי זי"ע, און שפעטער איז ער געפארן אויף שבת פרה צו הרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע.

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, פלעגט דערציילן בשם זיין רבין הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, איז געווען פון די וואס האבן זיך געציילט אויפן קרבן פסח פון אליהו הנביא ז"ל יעדעס יאר פסח, און דער דברי חיים האט געזאגט, אז דער ראפשיצער רב האט געזאגט, אז מען האט געקענט זעהן אויף די ליפן פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, ווי עס איז דא פעטענס פונעם קרבן פסח, און דער דברי חיים האט געזאגט, אז בשעת ווען דער ראפשיצער רב האט דאס פארציילט, האט מען אויף זיינע ליפען אויך געזעהן די פעטענס.

הרה"ק רבי אלעזר ריישא זי"ע וואס איז אויף געוואקסן אלס קינד אין שטוב פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע האט פארציילט, אז אויך אויף זיין רבין דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט מען געזעהן בשעת ער האט דאס פארציילט, האט ער געהאט פעטענס אויף די ליפען פונעם קרבן פסח.

עס ווערט פארציילט, אז איינמאל ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע איז געווען ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און ער האט געהאלטן אינמיטן אויפנעמען דעם עולם, האט דער הייליגער חוזה געהייסן יעדן ארויסגיין פון שטוב, דער צאנזער רב וואס איז נאך דאן געווען יונג האט זייער געוואלט זעהן וואס דער חוזה גייט טון, האט ער זיך באהאלטן,

ווען יעדער איז ארויס פין שטוב, איז דער חוזה צו געגאנגען און געזאגט פארן צאנזער רב, "ס'וועט קומען א צייט ווען דו וועסט נעמען קוויטלעך, וועל איך דיר מסביר זיין וואס איך טו ווען מענטשן קומען צו מיר מיט בקשות און שאלות, פון ווי ווייס איך וואס צו ענטפערן,

נאר איינער וואס לערנט די תורה הקדושה זעהט דעם שם הוי"ה שיינען פאר די אויגען, און ווען איך קוק אויפן שם הוי"ה ווייס איך וואס צו ענטפערן, אבער ווען די שם הערט אויף שיינען דאן שפארט מען זיך איין אונעם שטוב, און איך לערן נאך תורה אז דער שם זאל ווייטער

שיינען, און דער הייליגער חוזה מלובלין האט זיך געזעצט לערנען משניות מסכת זבחים, און דערנאך האט ער צוריק געהייסן אויפמאכן דעם טיר, און ווייטער אויף גענומען דעם עולם.

בזיווג ראשון האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רחל פיגא ע"ה,
בת הגה"ק רבי ברוך תאומים פרענקל בעל ברוך טעם מלייפניק זי"ע,

פארציילט מען אז דער שווער דער הייליגער ברוך טעם זי"ע, איז געווען אנפאנג א מתנגד צום דרך החסידות, און ווען זיין זוהן הרה"ק רבי יהושע העשיל זי"ע, איז געווארן א חסיד פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, האט זיך דער טאטע געזעצט שבעה אויפן זוהן,

איין טאג האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געהייסן פאר רבי יהושע העשיל, אז ער זאל דורך לערנען א סוגיא, און ער איז דערנאך דורך געגאנגען דעם סוגיא מיטן תלמיד, און צום סוף האט ער דעם סוגיא זייער שיין פאר ענטפערט, און געזאגט פארן תלמיד די קענסט אהיים גיין,

ווען דער רבי יהושע העשיל איז אהיים געקומען, האט ער נישט געקענט גיין צום שטוב פון זיין טאטן, ווייל ער האט דאך אים מרחק געווען, איז ער געגאנגען אין ביהמ"ד, און דער הייליגער ברוך טעם האט דאן פאר געלערנט דעם זעלבן סוגיא וואס דער חוזה האט מיט אים געלערנט, און ווען מען איז אנגעקומען צום סוף, האט מען נישט געקענט פאר ענטפערן די קשיא,

אבער דער זוהן רבי יהושע העשיל האט דאך שוין געהאט דעם תירוץ וואס די חוזה האט אים געגעבן, האט ער דאס געזאגט פאר איינע פון די תלמידים, און דער תלמיד האט דאס איבערגעזאגט פארן הייליגען ברוך טעם, ווען דער ברוך טעם האט געפרעגט פונעם תלמיד, פון ווי האסטו באקומען דעם תירוץ, האט דער תלמיד געוויזען אויפן זוהן, דער טאטע האט נישט גלייך דערקענט דעם זוהן נאך אזויפיל יארן אים נישט זעהן, אבער ווען ער האט שוין דערקענט דעם זוהן, האט ער אים מוחל געווען ווייל ער האט שוין געזעהן די גרויסקייט פון די חסידים,

שפעטער איז דער זוהן רבי יהושע העשיל געווען אין שטאט טארניגראד, און ער האט זיך דארט באקענט מיט א יונגען גאון רבי חיים הלברשטאם און עס איז אים זייער געפאלן אים צו נעמען פארן שוועסטער פאר א חתן, האט ער דעם שידוך אנגעטראגען און די טאטע האט מסכים געווען,

שפעטער ווען דער חתן דער הייליגער דברי חיים איז געקומען צו די חתונה, איז דער טאטע דער הייליגער ברוך טעם געווען זייער ברוגז אויפן זוהן, היתכן ער האט אים נישט פארציילט אז דער מדובר איז א פעלערהאפטיגער בחור, וואס כידוע איז דער צאנזער רב געווען הינק'עדיג, און די כלה האט נישט געוואלט גיין צום חתונה,

האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געבעטן, אז ער וויל רעדן צו די כלה, פארציילט מען אז דער הייליגער דברי חיים האט געזאגט פאר די כלה, אז באמת האט זי געדארפט ווערן באשאפן הינקע'דיג, נאר ער האט גע'פועל'ט אין הימל אז ער זאל עס איבער נעמען, כדי זי זאל נישט ח"ו דארפן ליידען דערפון, און די כלה האט מסכים געווען צום שידוך,

פארציילט מען אז שפעטער איז דער הייליגער דברי חיים נאך די חתונה געזעצן קעסט ביים שווער אין ער האט מיטן שווער דורך געלערנט רוב ש"ס אין איין יאר, און דאן האט דער הייליגער ברוך טעם געזאגט בזה"ל, "מיין איידעם האט טאקע א קרומע פיס, אבער זייער א גלייכע קאפ", און פון דעם זיווג האט דער הייליגער דברי חיים געהאט 5 זוהן און 3 טעכטער,

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רעכיל דבורה ע"ה א שוועסטער פונעם זיווג ראשון, א טאכטער פונעם הייליגען ברוך טעם זי"ע, און פונעם זיווג שני האט ער נישט געהאט קיין קינדער,

בזיווג שלישי האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רחל ע"ה, בת הרה"ק רבי יחיאל צבי הירש אונגאר מטארנא זי"ע, בן הרה"ק רבי מרדכי דוד מדאמבראווא זי"ע, און פונעם זיווג שלישי האט ער געהאט 3 זוהן און 4 טעכטער,

בזיווג רביעי האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רבקה ע"ה, בת הגה"צ רבי אלימלך טארים זי"ע, בן הרה"ק רבי נתן לייב הנקרא ר' לייב שומר שבת זי"ע, בן הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, און פונעם זיווג רביעי האט ער אויך נישט געהאט קיין קינדער.

בשנת תקע"ז איז דער הייליגער דברי חיים זי"ע געווארן רב אין שטאט רודניק, און דארט איז ער געווען רב פאר 13 יאר, בשנת תק"צ איז ער געווארן רב אין שטאט צאנז ווי ער איז שוין געבליבען ביז צום הסתלקות, ער איז דארט אין צאנז באוויסט געווארן אלס דער גאון און שר התורה בדורו, און פון גאנץ מדינת פולין זענען טויזענטער אידען געקומען צום צדיק נעמען א ברכה,

אויך רוב צדיקים פונעם דור זענען געקומען צום הייליגען צאנזער רב צו זיין בצל קדשו, טויזנטער שאלות האט מען געשיקט צו דעם גדול וצדיק הדור, וואס ער האט מברר געווען מיט זיין געוואלדיגע חריפות, ער האט געהאט א חברייא קדישא פון גאר געהויבענע און הייליגע תלמידים.

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, האט איינמאל געזאגט, אז ער האט זוכה געווען איינמאל צו זעהן הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע, און מעשה שהיה כך היה, איינמאל איז אין שטאט טארניגראד געווען א גרויסע שריפה, און דער גאנצער עולם איז אנטלאפן פונעם שטאט, דער צאנזער רב איז דאן געווען 3 יאר אלט און די אידן זענען געלאפן צום דערנעבענדיגע שטאט סאסוב,

האט דער צאנזער רב געזאגט, אז ווען מען איז אנגעקומען אונעם שטאט סאסוב, איז דער הייליגער צדיק רבי משה לייב זי"ע געשטאנען אויף די גאס מיט א קריגעל מילך, און געגעבן טרינקען פאר די אידן וואס זענען אנטלאפן פון טארניגראד, און דאן האט דער הייליגער צאנזער רב זוכה געווען צו געזעהן דעם צורת קדשו פונעם צדיק וקדוש רבי משה לייב סאסובער זי"ע.

הרה"ק רבי יוסף ברוך ה'גוטער איד מניישטאט זי"ע, דער גרויסער זוהן פונעם הייליגען מאור ושמש זי"ע האט מעיד געווען, אז וואס ער האט געזעהן ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, האט ער געזעהן ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע.

ער האט איבער געלאזט הייליגע חיבורים,

שו"ת דברי חיים,
דברי חיים על התורה,
דברי חיים על מועדים,
דברי חיים על מסכת מקוואות,
דברי חיים פירוש על מסכת בבא מציעא,
דברי חיים בירורים בשמות גיטין,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגער קינדער,

הרה"ק רבי יחזקאל שרגא בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, חתן הגה"ק רבי ארי' לייבוש ליפשיץ בעל ארי' דבי עילאי אב"ד בריגל זי"ע,
הרה"ק רבי דוד מקשאנוב זי"ע, חתן הגה"ק רבי יוסף זאב מטארניגראד זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר נתן זי"ע, די טאטע פון הרה"ק רבי שלמה מבאבוב הראשון זי"ע, חתן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, בן הרה"ק בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע,
הרה"ק רבי אהרן מצאנז זי"ע, הנקרא ר' אהרן קרייזער, ממלא מקום אביו בצאנז, חתן הגביר הרה"ק רבי יעקב וויינבערגער מדוקלא זי"ע,
הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע, חתן הרה"ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע,
בתו הצדקת מרת מרים ע"ה, אשת הרה"ק רבי משה אונגאר מדאמבראווא זי"ע,
בתו הצדקת מרת רייצא ע"ה, אשת הרה"ק רבי מרדכי דוב טווערסקי מהורנסטייפל זי"ע,
בתו הצדקת מרת יוטא ע"ה, אשת הרה"ק רבי אליעזר ירוחם באראן מקראקא זי"ע,
בתו הצדקת מרת נחמה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יצחק טוביה רובין מצאנז זי"ע,
בתו הצדקת מרת טילא ע"ה, אשת הרה"ק רבי אהרן הורוויץ מבייטש זי"ע,
הרה"ק רבי אריה לייבוש זי"ע, וואס איז נפטר געווארן ביי די 7 יאר,
הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, הי"ד, וואס איז ליידער אומגעקומען ביי די צווייטע וועלט מלחמה דורך די דייטשן ימ"ש, חתן גיסו הרה"ק רבי מרדכי דוב טווערסקי מהורנסטייפל זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק ישעיה מטשחויב זי"ע, הי"ד, וואס איז ליידער אומגעקומען ביי די צווייטע וועלט מלחמה דורך די דייטשן ימ"ש, חתן הרה"ק רבי יחיאל העשיל מקריליוביץ זי"ע, חתן הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, ונכד הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע,
בתו הצדקת מרת פראדיל ע"ה, אשת הרה"ק רבי אלעזר רוזנפלד מאושפיצין זי"ע, בן הרה"ק רבי יהושע מקאמינקא זי"ע,
בתו הצדקת מרת גיטשא ע"ה, אשת הרה"ק רבי בצלאל יהושע מושקוביץ מגלינא זי"ע.

ווען עס איז געקומען די הייליגע יו"ט פסח בשנת תרל"ו, איז דער הייליגער דברי חיים זי"ע שוין געווען ל"ע גאר שוואך, אבער ווען עס איז געקומען צו שעפן מים שלנו,

האט דער צדיק נישט נאכגעלאזט, און בלית ברירה האט מען דעם הייליגען דברי חיים געמיזט טראגן צו מים שלנו, ער האט צוליב זיין שוואכקייט נישט געקענט שעפן קיין מים שלנו, איז דער צדיק אריינגעשפרינגען און וואסער מיט די מלבישים, און דארט געשעפט מים שלנו, און די שטוב מענטשן האבן אים געברויכט ארויס נעמען, ווייל ער איז שוין דאן געווען זייער שוואך,

ווען עס איז געקומען די ליל הסדר, האט דער צדיק אפגעראכטען דעם סדר מיט אלע הידורים, און זיך געוואשן און גענומען א גרויסע מאס מצה כדי צו מקיים זיין די מצוה פון אכילות מצה מיט אלע הידורים, און כנהוג האט דער צדיק פארמאכט די אויגן ביים עסן די כזיתים מצה, און די קינדער האבן פראבירט אוועק צו נעמען א חלק פון די מצה, אבער ער האט דאס אנגעהאלטן מיטן גאנצן כח,

אינמיטן עסן די מצה האט זיך דער צדיק מורא'דיג צעהיסט און ער האט געמיזט אראפליגען די מצה, האבן די קינדער אוועק גענומען א חלק כדי ער זאל נישט עסן אזויפיל מצה ווייל עס קען ח"ו שאטען צום געזונט פונעם טאטן,

אבער ווען דער הייליגער דברי חיים האט זיך בארואיגט, האט ער גענומען פון פריש א גרויסע מאס מצה און ווייטער געגעסן די כזיתים, און דער צדיק דער הייליגער דברי חיים האט געזאגט, אז א מצוה קען נישט שאטען,

אחרון של פסח איז הרה"ק רבי ירוחם מטארנא זי"ע א אייניקל פון הרה"ק בעל אריה דבי עילאי זי"ע אריין געקומען צום הייליגען דברי חיים זי"ע, האט אים די רבי געזאגט, "ר' ירוחם איך בין דאך א כהן קום וואש מיר די הענט און לאמיר בענטשן כלל ישראל".

מען האט געוואשן די הענט פארן הייליגען דברי חיים זי"ע, און ר' ירוחם האט פארגעזאגט די ברכת כהנים און דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט דאן געבענטשט כלל ישראל לדורות עולם מיט אלע ברכות וואס כלל ישראל וועט דארפן ביז משיח צדקינו וועט אונז קומען בקרוב ארויסלייזען פון גלות,

די גאנצע צייט איז דער צדיק געווען בלאס אין שוואך און די שטוב מענטשן האבן זיך פון אים נישט אוועק גערירט קיין מינוט, אבער כ"ה ניסן האט די מצב אויסגעזעהן אביסל בעסער, און דער עולם האט זיך אביסל בארואיגט אז דער רבי ווערט בעסער,

אבער דאן פלוצלונג איז די פנים פונעם צדיק געווארן רויט און מען האט געזעהן ווי דער הייליגער דברי חיים זי"ע פארארבעט מעשים גבוהים, און מען פארציילט אז ער האט די גאנצע צייט געהאלטן אין איין זאגן די ווערטער, "לית מחשבה תפיסא ביה כלל", און דאן האט ער אריבער געפירט זיינע הייליגע הענט אויף די דיקנא קדושה,

טויזנטער אידן האבן איינגעריסן פארן צדיק הדור, אז מען זאל זוכה זיין אז ער זאל מגין זיין אויפן דור און זיי פירן קעגן משיח צדקנו, אבער ליידער נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון האלוקים, און ביום כ"ה ניסן בשנת תרל"ו איז דער מלאך אלקים נסתלק געווארן לגנזי מרומים, און איבער געלאזט דעם דור יתום אן זייער מנהיג הדור,

צום לוי' זענען ארויס געקומען טויזענטער אידן אפ געבן דעם כבוד האחרון פארן צדיק הדור, און מען האט דעם גוף קדוש בערדיגט אונעם ביה"ח אין שטאט צאנז,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, פלעגט אנהייבן די וואך מיט די ברכה,
א גוטע וואך,
א געזונטע וואך,
א מזל'דיגע וואך,
א ברכה'דיגע וואך,
א הצלחה'דיגע וואך,
א וואך פון ישועות און רפואות,
א וואך פון אסאך געלט.

איינמאל איז דער צדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געווען ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע, און ווען ער איז זיך געקומען געזעגענען האט אים דער צאנזער רב געפרעגט, די בלייבסט נישט דא אויף ח"י סיון, האט דער הייליגער תפארת שלמה געפרעגט וואס איז ח"י סיון, האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט, אז ח"י סיון

איז די יארצייט פון זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מרים ע"ה, און מוסיף געווען, אז אלע זיינע השגות וואס ער האט זוכה געווען איז אין זכות פון זיין הייליגע מאמע ע"ה.

הרה"ק רבי נפתלי טייטלבוים מבריגל זי"ע, האט פארציילט פאר רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע די מעשה, בשם זיין זיידע הרה"ק רבי טובי' מבריגל זי"ע, אז פאר די פטירה פונעם דברי חיים זי"ע, איז ער געווען איינגאנצען אויסגעטון פון די וועלט און נישט געשפירט גארנישט, פלוצלינג האט זיך דער הייליגער דברי חיים דערוועקט און געפרעגט, וואס איז די קול פון געוויין וואס ער הערט, האט דער זוהן הרה"ק רבי ברוך'ל מגארליץ זי"ע געזאגט פארן טאטן, אז דאס זענען די יתומים און אלמנות וואס די טאטע פלעגט העלפן ביים לעבן, און זיי וויינען אז זיי בלייבן אן א פארזארגער וואס זאל זיי העלפן,

האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע, געזאגט, די יתומים וואס האבן זיי צו וויינען, דער באשעפער איז דאך דער אבי יתומים און ער וועט זיי שוין פארזארגען, און אויך די אלמנות וואס האבן זיי צו וויינען, דער באשעפער איז דאך דער דיין אלמנות און זיי בלייבען דאך נישט אליין, אבער האט געזאגט דער הייליגער דברי חיים מיט זיין גרויס עניוות, איך ברויך וויינען, ווייל איך בין דאך מלא עוונות, און ווי אזוי קום איך ארויף צום גרויסן באשעפער מיט די אלע עבירות, איך דארף טאקע וויינען.

ווען רבי נפתלי האט געענדיגט פארציילן די מעשה, איז רביה"ק מסאטמאר זי"ע געווען אין א מורא'דיגע דביקות און עס האט אים אנגעכאפט א ציטער און ער האט געזאגט, אז אויב דער הייליגער דברי חיים זי"ע, וואס האט נישט פארגעסן פונעם גרויסן באשעפער זיין גאנץ לעבן א פילו פאר א רגע, זאגט אזוי, וואס זאלן מיר פשוטע אידעלעך זאגן, און ער האט געבעטן הרה"ק מבריגל זי"ע, זאל נאכאמאל פארציילן די מעשה.

הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע האט פארציילט, אז ער איז איינמאל געווען ביים הייליגען דברי חיים זי"ע, האט ער געזעהן ווי דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געזאגט א פשוטע אשר יצר, און רבי יוסף חיים זי"ע האט געזאגט, אז עס איז מיט אים געבליבן כל ימי חייו.

הגה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע איז איינמאל אנגעקומען קיין צאנז א ראש חודש, און ער איז געווען ביים דאווענען, און פאר הלל איז דער הייליגער דברי חיים ארויס זיך גרייטען פאר הלל, ווען ער איז צוריק געקומען האט ער אנגעהויבן א ברכה מיט א געוואלדיגע התלהבות, און רבי דוד'ל זי"ע האט געמיינט, אז זיכער הייבט דער דברי חיים אן הלל,

אבער דערווייל האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט אשר יצר, און רבי דוד'ל האט געזאגט, אז אויב ער וואלט דאן נאכנישט געווען אזוי מקושר צום הייליגען בית אהרן מקארלין זי"ע, וואלט ער זיך גלייך מקשר געווען צום הייליגען דברי חיים זי"ע, ווייל אזוי שטארק איז ער נתפעל געווארן פונעם גרויסן עבודה פונעם דברי חיים זי"ע אפילו ביי א פשוטע ברכת אשר יצר.

עס איז אמאל געקומען צום הייליגען דברי חיים זי"ע א איד וואס האט געהאט א מכה אויפן קאפ, און די דאקטורים האבן געזאגט אז עס קען צו קומען צום מח און דאס איז א מורא'דיגע סכנה, האט אים דער הייליגער דברי חיים געגעבן א שמיר, און געהייסן אז ער זאל דאס אנשמירען און ער וועט האבן א רפואה שלימה, און טאקע נאך א טאג איז דער גאנצער מכה אוועק, האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט, אז די שמיר איז געווען די איבער געבליבענע מאכלי שבת, וואס דאס ברענגט א רפואה פאר דעם מענטש.

דער זון הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע האט אמאל געזאגט, פונעם טאטן דער הייליגער דברי חיים זי"ע האב איך מיך געלערנט, אז מען קען לעבן אן שלאפן, און פון הרה"ק המגיד מטריסק זי"ע האב איך מיך געלערנט, אז מען קען לעבן אן קיין עסן, וואס ווי באקאנט האט דער מגיד מטריסק זי"ע כמעט נישט געגעסן, און ביים סעודת שבת קודש האבן די חסידים געהאט א ספוק, אויב די רבי קען אפילו בענטשן אויף א כזית,

און ווי באוויסט איז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע כמעט נישט געשלאפן, איין יאר ימים נוראים האבן די שטוב מענטשן פונעם צאנזער רב זי"ע אויס גערעכנט, אז פון ר"ח אלול ביז הושענא רבה, איז די רבי געשלאפן נישט מער ווי 26 שעה די גאנצע הייליגע טעג, און ווי באקאנט האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע אפ גערעכטן די הייליגע טעג אן עבודה וואס אפילו א מענטש וואס שלאפט יא וואלט אזא עבודה נישט געקענט ארעפלייגן.

ווי עס איז באוויסט האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע, יעדע וואך געטיילט פון זיינע י"ב חלות, רוב מאל האבן

די אייניקלעך דאס באקומען און זיי פלעגן דאס פארקויפן און געמאכט פרנסה דערפון,

פארציילט די זוהן הרה״ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי״ע הי״ד, אז איין וואך שבת האט דער טאטע דער הייליגער דברי חיים געפרעגט, ווער עס האט באקומען פון די י״ב חלות, זענען געווען צוויי אידן איינער פון דייטשלאנד און דער אנדערער פון זיבענבירגען, וואס זיי האבן ביידע באקומען פון די י״ב חלות, האט דער הייליגער דברי חיים זי״ע געזאגט פאר דעם איד פון דייטשלאנד, אז ער זאל די י״ב חלה פאר ברענען בעפאר פסח, און אוועק לייגן די אש ווייל דאס איז אויך א שמירה,

האט רבי שלום אליעזר זי״ע פארציילט, אז יארן שפעטער איז ער איינמאל געווען ביי דעם איד פון זיבענבירגען וואס האט באקומען די חלה, און דער איד האט אים פארציילט, אז ער האט דעם חלה פארברענט ערב פסח, און די אש האט ער אריינגעלייגט אונעם סעיף, און דארט אונעם סעיף איז אויך געווען נישט אויסגעהאלטענע זאכן וואס די רעגירונג האבן נישט געברויכט זעהן,

פארציילט דער איד, אז איינמאל האט מען אריין געגעבן א מסירה אויף אים, און די פאליציי זענען געקומען און אינטערזיכט דעם גאנצען שטוב, אבער נאר אונעם סעיף ווי די דאקעמענטן זענען געווען און אויך די אש פונעם י״ב חלה האבן זיי נישט געקוקט און ער איז אפגעהיטן געווארן.

אין די תולדות פון הייליגען דברי חיים זי״ע שטייט בשם הרה״ק רבי משה מראזוודוב זי״ע, אז דער הייליגער דברי חיים זי״ע פלעגט שבת ביינאכט נעמען דעם כוס אין די האנט צו מאכן קידוש, און ער האט אנגעהויבן זינגען דעם ניגון שבת קודש מיטן ניגון פונעם הייליגען קאלובער זי״ע, גלות גלות,

האט רבי משה מראזוודוב געזאגט, אז דער דברי חיים איז אזוי געשטאנען שעות אויף שעות ברציפות, ביז ער האט זיך אויפגעכאפט און געזאגט אזוי שפעט איז שוין, ער האט געמיינט אז דאס איז געווען אפאר מינוט.

הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי״ע האט פארציילט, אז איין יאר איז דער הייליגער דברי חיים אריין געקומען צו די הקפות, און ער האט זיך גענומען טאנצען די הקפות דארט גלייך ביים טיר, און שפעטער האט ער פארציילט, אז ווען ער איז אריין געקומען אין ביהמ״ד, האט ער געזעהן דעם הייליגען רבין רבי אשר׳ל מראפשיץ זי״ע ביים טיר, און עס איז א שאד צו שלעפען דעם רבין ביז אין ביהמ״ד אריין, דערפאר האט ער דארט אויפן פלאץ געטאנצען די הקפות.

הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי״ע האט פארציילט, אז פארוואס האט דער הייליגער דברי יחזקאל זי״ע קיינמאל נישט זוכה געווען צו זעהן דעם דברי חיים׳ס רבי רבי אשר׳ל ראפשיצער זי״ע,

ווייל דער הייליגער צאנזער רב האט געהאט אין שטוב נאר איין העמדל פאר די קינדער, צופרי איז דער דברי יחזקאל געגאנגען דערמיט אין חדר, און נאכמיטאג איז ר׳ דוד׳ל מקשאנוב געגאנגען דערמיט אין חדר, און כדי דער קינד יחזקאל זאל קענען מיטגיין קיין ראפשיץ, וואלט דער קלענערער ברידער נישט געקענט גיין אין חדר, דערפאר האט ער קיינמאל נישט זוכה געווען צו זיין ביים ראפשיצער רב זי״ע.

הרה״ק רבי מנחם מענדל בעל הצמח צדק מלויבאוויטש זי״ע האט פארציילט, אז איין שבת איז ביים הייליגען ריזשינער זי״ע געווען צוויי צדיקים אויף שבת, הרה״ק דברי חיים מצאנז זי״ע, און הרה״ק רבי אייזיק׳ל מזידיטשוב זי״ע,

האט דער צמח צדק זי״ע געהערט, ווי דער הייליגער ריזשינער זי״ע רעדט זיך דורך מיטן צאנזער רב און זאגט אים, צאנזער רב איר זענט דאך פון די בי״ד של מעלה, איך האב א דין תורה מיטן בורא כל העולמים, און איך וויל איר זאלט מסכים זיין, און דאס איז די דין תורה, אז פארוואס עס הייסט אז מען האט א בחירה, ווען מען זעהט אז צדיקים ליידען אויף די וועלט און רשעים גייט גוט אויף די וועלט,

האט דער הייליגער צמח צדק זי״ע אויס געפירט, מיר פארשטייען נישט וואס דאס מיינט, אבער וואס קומט ארויס פון די מעשה איז, אז דער הייליגער דברי חיים זי״ע איז געווען פון די בי״ד של מעלה.

הרה״ק רבי שמואל ענגיל בעל שו״ת מהר״ש מראדומישלא ורב״ד קאשוי זי״ע האט פארציילט, אז ער איז געווען א יתום יונגערהייט, און ער האט אסאך געלערנט און ער איז קראנק געווארן אויף איין אויג, און

די דקאטורים האבן געזאגט, אז ער דארף אביסל אויפהערן לערנען אז די אויג זאל געזונט ווערן.

האט די מאמע אים געברענגט צום הייליגען דברי חיים זי"ע, און פארציילט וואס דער דאקטאר האט געזאגט, האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט, וואס ווייסן די דאקטורים, און ער האט געהייסן ברענגען אביסל וואסער, און ער האט דעם אויג פון רבי שמואל אפגעוואשען, און ער איז געזונט געווארן.

האט רבי שמואל ענגיל זי"ע געזאגט, אז דער אויג וואס דער דברי חיים האט אפגעוואשען איז קיינמאל נישט שוואך געווארן, אבער די אנדערע אויג איז לעת זקנתו יא שוואכער געווארן.

איין שבת זענען צוויי אידן פון רוסלאנד געקומען קיין צאנז אויף שבת, ביים טיש שבת ביינאכט נאך די תורה פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, האבן זיך די צוויי חסידים ארויסגעלאזט אין א טאנץ, האבן די חסידים פונעם צאנזער רב געפרעגט די צוויי חסידים לשמחה מה זו עושה, האבן די צוויי פארציילט, אז זיי זענען חסידים פון הרה"ק רבי לוי יצחק מברדיטשוב זי"ע, און זייט די פטירה פון זייער רבין האבן זיי נאכנישט געטראפן א רבי,

אבער די וואך שבת ווען זיי זענען געקומען צום טיש און דער הייליגער דברי חיים האט אנגעהויבן זאגן תורה, האט איינער געזאגט פארן אנדערן שטילערהייט, אז דער הייליגער צאנזער רב איז גלייך מיט זיין מהות און תנועות און אפילו זיין צורות קדשו צום הייליגען בארדיטשובער רב,

פלוצלונג האט דער הייליגער צאנזער רב אויס געשריגען בזה"ל, "וועמען אין דעם דור קען מען צו גלייכען צום הייליגען בארדיטשובער רב", קיינער פון די מסובים האבן נישט פארשטאנען די ווערטער, אבער מיר האבן געוויסט וואס דער צאנזער רב מיינט, און דערפאר טאנצן מיר, ווייל מיר האבן געטראפן א נייעם רבין א צדיק אמת בדוגמת פון אונזער רבין דער הייליגער רבי לוי יצחק מברדיטשוב זי"ע.

ווי באוויסט איז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געווען גאר גרויס מיט זיין מידת הצדקה וחסד, און ער האט אמאל געזאגט אויף זיך, אז באמת איז ער געבוירן געווארן מיטן מידת הקמצנות בטבע, אבער ער האט גאר שווער געארבעט אויף צו צוברעכען די מידה, און דערפאר האט ער אזויפיל צדקה געטיילט,

איינמאל האט זיך דער הייליגער דברי חיים זי"ע אויס געדריקט בזה"ל, "איך בין מקנה דעם מידת הצדקה פון הרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע, ווייל ווען ער האט געהאט געלט צו געבן איז ער געווען בשמחה, און אפילו ווען ער האט נישט געהאט קיין געלט צו געבן צדקה, איז ער אויך געווען בשמחה, אבער איך, אויב קומט א עני צו מיר און ער בעט געלט און איך האב נישט וואס צו געבן, פאלט פון מיר שטיקער פלייש פון גרויס צער".

איינמאל איז דער הייליגער דברי חיים זי"ע געווען אין שטאט קראקא, און ער האט זיך אויף געהאלטן אינעם שטוב פונעם גביר הרה"ח ר' סענדר שמעלקיש ז"ל, איין טאג האט דער צאנזער רב זי"ע געבעטן פון דעם גביר ר' סענדר, אז ער זאל אים אויף טוישען א גאנצע סכום פון קליין געלט אויף איין גרויסע מטבע, דער גביר האט דאס געטון פארן צאנזער רב, אבער ער האט זייער געוואלט זען פארוואס די רבי ברויך דאס,

האט דער גביר ר' סענדר נאך געקוקט דעם דברי חיים, און בשעת דער עולם איז דורך שלום נעמען, איז דורך א גביר פון שטאט, וואס איז ליידער געווארן א יורד ל"ע, אבער קיינער האט פון דעם נישט געוויסט, און בשעת יענער האט שלום געגעבן פארן דברי חיים, האט די רבי אים אריין געריקט דעם גרויסע מטבע אן דעם וואס איינער זאל באמערקן, און ווייל דער דברי חיים זי"ע האט געוואלט אבאכט געבן אז דער איד זאל ח"ו נישט פארשעמט ווערן, האט ער קודם געבעטן פונעם גביר ר' סענדר אז ער זאל אויף טוישן די קליין קעלט אויף גרויס געלט.

איינמאל איז א ארימאן געקומען קיין צאנז, און דער הייליגער דברי חיים האט אים געגעבן א גאר שיינע נתינה, שפעטער איז דער ארימאן געקומען קיין דינוב צום הייליגען צמח דוד זי"ע, אבער דארט האט ער באקומען א קלענערע נתינה, האט ער זיך אפ גערעדט פארן הייליגען צמח דוד, אז אין צאנז האט ער באקומען אסאך א גרעסערע נתינה,

האט דער הייליגער צמח דוד מדינוב זי"ע געזאגט, ביי מיר האסטו באמת באקומען אסאך א גרעסערע נתינה, ווייל דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט זיך אזוי מזכך געווען זיין נפש, אז געלט איז ביי אים ווערט געווען ווי

בלאטע, און דערפאר האסטו פון צאנזער רב באקומען בלאטע, אבער ביי מיר האסטו באמת באקומען געלט.

עס איז אמאל געווען א גרויסע מחלוקה און תערומות אויפן צאנזער רב זי"ע, איין טאג האט זיך דער הייליגער צאנזער רב געזעצט ביים אויוון און געזאגט בזה"ל, "מיין איציק (וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם דברי חיים און א מקורב למלכות) האט מיר געשריבן, אז איך זאל די מחלוקה אפ לאזן, ווייל אינעם חצר המלכות רעדט מען אויף מיר און איך בין אין א סכנה,

אבער איך זאג האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט, איך האב פאר גארנישט מורא, און אפילו נישט פונעם מלך אליין, אבער פון איין זאך האב איך אבער יא מורא, און דאס איז פון א קרעכטץ פון א ארימאן, וואס די קרעכטץ קען מזיק זיין לדורו דורות".

ווי באקאנט האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע נישט געלאזט קיינעם זיין ביי אים אין שטוב נאך חצות, איין נאכט האט איינע פון די ראפשיצער איניקלעך זיך אריין געכאפט אין שטוב און זיך באהאלטן און געוואלט זעהן די עבודה פונעם הייליגען צאנזער רב,

נאך חצות האט ער געהערט א רעש ווי נשמות קומען אראפ, און דער הייליגער דברי חיים זאגט אז זיי זאלן רעדן, אבער ער האט גארנישט געהערט, גלייך האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע פארשטאנען, אז עס איז דא איינער אין שטוב, און דערפאר ווילן די נשמות נישט רעדן,

האט דער דברי חיים געפענט דעם ארון ווי דער ראפשיצער איניקל איז געווען און געזאגט, ווען די ביסט נישט קיין איניקל פונעם הייליגען ראפשיצער רב וואלט איך דיך פארווארפן פוןביידע וועלטן, און דער איניקעל איז אנטלאפן בעוד נשמתו בו,

די קומענדיגע טאג האט דער הייליגער דברי חיים געטראפן דעם טאטן פון דעם ראפשיצער איניקעל און געזאגט, זעה אז דיין קינד זאל מיר נישט שטערן דעם שלאף ביינאכט, ווייל די חסידים ווילן אלעם וויסן און נעבטן ביינאכט האט דיין זוהן מיר געשטערט דעם שלאף.

דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע איז איינמאל זייער קראנק געווארן, און די דאקטוירים האבן אויף געגעבן האפענונג, און מען האט געזעהן ווי די טאטע דער דברי חיים איז זייער בשמחה, האט מען געפרעגט דעם דברי חיים לשמחה מה זו עושה,

האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט, ווען די דאקטוירים וואלטן נאך געהאט האפענונג, וואלט מען געטראכט אז דער דאקטאר וועט אים אויסהיילען, אבער יעצט אז דער דאקטאר האט אויפגעגעבן האפענונג, פארלאזט מען זיך נאר אויפן גרויסן באשעפער, וואס ער קען אויסהיילען אפילו חוץ לדרך הטבע, און איך בין זיכער אז ער וועט האבן א רפואה בקרוב, און כך הוה נישט אסאך נאכדעם איז דער זוהן דער הייליגער דברי יחזקאל געזונט געווארן.

הרה"ק רבי משה אריה פריינד גאב"ד ירושלים זי"ע האט פארציילט, בשם דעם זיידן הרה"ק מנאסויד זי"ע, אז הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע האט זייער מקפיד געווען, אז זיינע חסידים זאלן קומען נאר צו אים אויף יו"ט שבועות,

איז געווען א חסיד פינעם הייליגען דזיקובער זי"ע, וואס איז נישט געזונט געווען איין יו"ט שבועות און דערפאר האט דער חסיד נישט געקענט פארן צום רבין אויף יו"ט, איז דארט אין זיין שטאט געווען א צאנזער חסיד, האט דער צאנזער חסיד געבעטן פון דעם דזיקובער חסיד, אז ער זאל אים לייען זיין שטריימל אויף יו"ט שבועות צו גיין צו זיין רבין אין צאנז, און דער חסיד האט אים געבארגט דעם שטריימל,

א שטיק צייט שפעטער איז דער חסיד געפארן צו זיין רבין קיין דזיקוב, און ווען ער איז אריין געקומען מיטן שטריימל האט אים די רבי געפרעגט, ביסט געגאנגען קיין צאנז אויף יו"ט שבועות, האט דער איד געזאגט, איך בין שבועות נישט געזונט געווען און איך בין געווען אינדערהיים, האט דער הייליגער דזיקובער זי"ע געקוקט אויפן שטריימל און געזאגט, "איז דער שטריימל געווען אין צאנז",

האט דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע אוים געפירט, אז דאס אז די שטריימל האט מקבל געווען א קדושה זייענדיג אין צאנז איז אסאך א גרעסערע חידוש, ווי אז דער דזיקובער רב זי"ע האט דאס מרגיש געווען ברוח קדשו.

הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, איז אמאל זייער נישט געזונט געווארן, און ער האט געפילט אז עס איז געקומען

די צייט צו איבערלאזען די וועלט, האט ער זיך געטראפן מיטן הייליגען דברי חיים זי"ע, און געבעטן אז דער מחותן זאל אים העלפן און אויס פועל'ן אז ער זאל נאך בלייבן דא אויף די וועלט.

האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געפרעגט, וואס איז אזוי שלעכט ארויף צו גיין בעולם העליון, די וועסט דיך טרעפן מיט די אלע צדיקים, האט רבי אליעזר מדזיקוב געזאגט, איך האב נאך נישט תשובה געטאן, און איך האב נאך נישט מסדר געווען די קינדער, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, ביז דער צדיק רבי אליעזר דזיקובער האט געזאגט פארן הייליגען דברי חיים, וואס וועט זיין מיט מיין "אין קצבה" וואס ווען איך זינג "אין קצבה" זינגט מיט די גאנצע פמליא של מעלה און עס איז א נחת רוח פארן באשעפער.

דא האט שוין דער הייליגער דברי חיים מסכים געווען, אז צו מאכן א נחת רוח פארן באשעפער לוינט זיך אז דער מחותן זאל דא בלייבן, איז דער הייליגער דברי חיים זי"ע געלאפן אין מקו' און מיט דעם גע'פועל'ט אסאך יארן פארן מחותן רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע.

איינמאל איז הרה"ק מופת הדור רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע געווען ביי זיין רבין אין צאנז, און דער הייליגער צאנזער רב האט געזיכט צו בארגען א סכום געלט, איז רבי ישעי'לע געלאפן און געברענגט דעם סכום געלט וואס ער האט געהאט אוועק געלייגט אויף זיך חתונה מאכן.

לימים האט דער הייליגער צאנזער רב אים צוריק געגעבן א זעקל מיט געלט צו באצאלען דעם הלוואה, האט רבי ישעי'לע געזאגט, אז ער האט קיינמאל נישט אפגעציילט דאס געלט וואס זיין רבי האט אים צוריק געגעבן, נאר יעדעס מאל ער האט געהאט געלט האט ער דאס אריינגעלייגט אין דעם זעקל, און יעדעס מאל ער האט געברויכט געלט האט ער גענומען פין דעם זעקל, און עס האט אים קיינמאל נישט געפעלט קיין געלט ווען ער האט געברויכט, ווייל די ברכה פונעם צאנזער רב זי"ע האט אייביג שורה געווען אינעם זעקל געלט.

הרה"ק רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע איז איינמאל געפארן צו א שטאט, און ווען ער איז אנגעקומען שפעט ביינאכט האט דער בעל עגלה דער גוי געבעטן מער געלט, און רבי ישעי'לע האט דאס נישט געהאט, האט דער גוי אים געוואלט שלאגן,

פלוצלונג קומט דער איד צו וועם רבי ישעי'לע איז געקומען ארויס צו לויפען, און ער האט שנעל אריין געלאזט דעם צדיק רבי ישעי'לע צו זיך אין שטוב, און דער איד דער בעל אכסניא דערציילט, אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז אים געקומען אין חלום און געזאגט, אז זיין תלמיד רבי ישעי'לע איז אין א סכנה און ער זאל שנעל אויפשטיין און אים גיין ראטעווען, דאס איז געווען דאס התקשרות פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע צו זיינע תלמידים אפילו מעולם העליון.

איינמאל האט דער פלייש געשעפט אין שטאט צאנז געהאט א גרויסע אינדיג, און ער האט דאס געברענגט צום רעבעצין פונעם הייליגען דברי חיים, און געפרעגט אויב זי וויל דאס קויפן, אבער ווען די רעבעצין האט געהערט די פרייז וואס ער וויל, האט זי געזאגט אז זי האט נישט דעם סכום.

שפעטער האט די רעבעצין געהערט, אז דער וואס האט געקויפט דעם טייערן אינדיג, איז איינער וואס באקומט פונעם מאן דער הייליגער דברי חיים צדקה יעדע וואך, און יענער האט אוועק געגעבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט באקומען פאר דעם אינדיג.

איז זי אריין צום הייליגען דברי חיים און געזאגט, היתכן דער ארימאן האט אויס געגעבן דאס גאנצע געלט נאר פאר דעם איינעם אינדיג, ווען דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט דאס געהערט האט ער געזאגט, אזוי דער איד ברויך האבן פאר שבת קודש א אינדיג, ברויך מען אים דאך געבן מער געלט, און פון יענעם וואך האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געשיקט פאר יענעם איד מער געלט כדי ער זאל קענען קויפן א אינדיג אויף שבת, דאס איז געווען דעם גרויסן מידה פון צדקה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע.

הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, האט איינמאל געשריבן אויפן ספר בני יששכר בזה"ל, "אשר הסכימו כולם שכל דבריו הם ברוח הקודש", האט הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ע"ה געפרעגט דעם רבין, וואס די ווערטער מיינען ווייל רוב ספרים פון די תלמדי בעש"ט האבן נישט קיין הסכמות.

האט די רבי פארציילט א מעשה, איין ראש השנה פאר תקיעות שופר איז דער הייליגער צאנזער רב אריין צו זיך אין שטוב, און ביים צאנזער רב זי"ע זענען יענעם יאר ראש השנה געווען צוויי געהויבענע תלמידים, הרה"ק

רבי הירצקעלע מראצפערט זי"ע, און הרה"ק שמואל קאמאדער אב"ד דאראג זי"ע, האבן די צוויי צדיקים געוואלט זעהן וואס דער הייליגער צאנזער רב טוט און מיט וואס די רבי גרייט זיך צום תקיעות שופר,

האבן זיי זיך אריינגעכאפט צום שטוב און פראובירט צו זעהן וואס די רבי איז עוסק פאר הכנות צו די תקיעות, ווען דער הייליגער צאנזער רב איז ארויס געגאנגען צו די תקיעות, האבן די צוויי צדיקים א בליק געטאן, און געזעהן אז דער הייליגער דברי חיים האט עוסק געווען אונעם ספר בני יששכר, און די ספר איז נאך דאן געווען א נייע ספר ממש ארויס פון דריק, און דאס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די צוויי תלמידים, אז מיט אזא ספר גרייט זיך די רבי צו די תקיעות.

שפעטער ביים טיש האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט, "א העזה פון אינגעלייט אז זיי זענען מהרהר אחר רבם, זיי קוקען וואסערע ספר זייער רבי קוקט אריין בעפאר תקיעות שופר, ווער עס האט שכל ווייסט, אז איך נעם נישט אין די האנט א ספר, נאר אויב דער מחבר איז געווען א ריינער בעל רוח הקודש".

הרה"ק דער גוטער איד מניישטאט זי"ע, איז אמאל געווען ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע, אין דער דברי חיים האט געזאגט פאר גוטער איד, אז ער מאכט א סיום אויף א מסכת, האט דער גוטער איד געזאגט, איך מאך אויך א סיום אויף תהילים, האט דער הייליגער דברי חיים געפרעגט, אפשר טוישט מען זיך, האט דער גוטער איד געזאגט, ער וויל נישט טוישן זיין סיום אויף תהילים פאר קיין שום הון דעלמא.

ווען דער הייליגער דברי חיים האט זיך צוגעלייגט ביינאכט פאר דאס ביסל שלאף, ווען ער פלעגט זיך דערוועקען פלעגט ער שרייען מיט קולות "חיים וואס פארברענגסטו די צייט מיט שלאפן".

א איד איז אמאל געקומען צום הייליגען דברי חיים זי"ע, און מזכיר געווען אז דאס ווייב איז זייער נישט געזונט און די דאקטורים געבן אויף, האט דער דברי חיים געהייסן, אז די פרוי זאל זיך אפשערן די האר וועט זי געזונט ווערן, דער איד איז גלייך אהיים און געזאגט פארן פרוי וואס די רבי האט געהייסן, מיט גרויסע אמונת צדיקים האט זי געפאלגט, און זי איז גלייך געזונט געווארן.

ערב סוכות נאכמיטאג נאכדעם וואס דער הייליגער דברי חיים האט פארטיילט א גרויסע סכום געלט, האט ער געזעהן די אתרוג סוחרים אהיים גיין, האט ער זיי געזאגט, עטץ האטס דאך דאס געלט וואס עטץ האטס יעצט געלייזט פון די אתרוגים, בארגט מיר דאס געלט ביז נאך יו"ט איך וועל עס אי"ה באצאלן,

איז געווען דארט א אייניקל פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, און ער האט געפרעגט דעם זיידן, וואס ברויך די זיידע דאס געלט יעצט בעפאר יו"ט, יעדער האט דאך שוין איין געקויפט אלעם וואס מען ברויך פאר יו"ט,

האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט, די אלע ארימעלייט האבן טאקע אלע צרכים אויף יו"ט, אבער א שמחות יו"ט האבן זיי נישט, ווייל עס קומט דאך יעצט ווינטער און מען ברויך האבן האליץ צו הייצן און אויך ווארעמע מלבושים פאר די קינדער, אבער יעצט ווען דער ארימאן וועט באקומען די געלט, וועט ער שוין האבן א שמחות יו"ט אויך, אז ער האט שוין פאר נאך יו"ט אויך.

ווערט דערציילט, אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געזאגט, אז אלס קינד פלעגט ער אזוי ווי אנדערע קינדער אין זיין יארגאנג זיך שפילן מיט העלצער כמנהג ילדים, אויך שבת קודש האט ער זיך מיט דעם געשפילט, אבער ווען ער איז אביסל אינטער געוואקסן און ער האט געלערנט דעם הלכה פון מוקצה, האט דאס אים זייער וויי געטון אז ער האט עובר געווען אויפן הלכה פון מוקצה,

אבער ווען ער האט געלערנט דעם הלכה אז אויב מען גרייט עפעס אן בעפאר שבת לכבוד שבת קודש, הייסט דער חפץ נישט ווי א מוקצה זאך, האט זיך דער צדיק שוין בארואיגט אז ער האט נישט עובר געווען אויף די עבירה, וויבאלד ער פלעגט טאקע יעדע וואך אן גרייטן די העלצער אויף שבת קודש,

האט אויך דעם געזאגט הרה"ק מציעשנוב זי"ע, אז פון דעם קען מען זען, אז דער באשעפער היט אויף די צדיקים אפילו ווען זיי זענען נאך גאר קליין, אז זיי זאלן ח"ו נישט צו קומען צו קיין חשש עבירה,

ווי באוויסט האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע באקומען סמיכה להוראה פון דעם גאון רבי אפרים זלמן מרגליות מבראד זי"ע, און די מעשה ווי אזוי דאס איז געשען איז געווען אזוי, אז נאך די חתונה איז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזעצן און עוסק געווען בתורה

יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, און די רעבעצין די צדקת האט עוסק געווען אין מסחר צו ברענגען פרנסה אין שטוב,

איין טאג האט די רעבעצין געברויכט ערלעדיגן עפעס חשבונות אין שטאט בראד, האט זי געבעטן איר הייליגע מאן אויב ער קען דאס ערלעדיגן, איז דער דברי חיים דאן זייענדיג בערך 18 יאר אלט, אריבער געפארן קיין בראד, און אזוי ווי די חשבונות האבן געהאט מיט די באנק וואס האט באלאנגט צום גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע, האט זיך פארפירט א תורה'דיגע שמועס צווישען דעם הייליגען דברי חיים און רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע,

דער גאון רבי אפרים זלמן איז ממש ארויס פון התפעלות פון דעם גדלות און חריפות בתורה פון דעם יונגערמאן, עד כדי כך אז דער גאון האט זיך מזכיר געווען זיין נאמען מיט זיין מאמע'ס נאמען ביים דברי חיים זי"ע, דאן האט דער הייליגער דברי חיים באקומען הוראה פון דעם גאון רבי אפרים זלמן זי"ע, און נאכן באזיך האט אים דער גאון ארויס באגלייט פון ביי זיך אין שטוב, א זאך וואס ער האט כמעט נישט געטון, ווייל ער פלעגט כמעט נישט ארויס גיין פון ביי זיך אין שטוב, אבער לכבודו פונעם גאון דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט ער משנה געווען,

שפעטערע יארן האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע ווען ער האט גערעדט פון די אמאליגע גדולים און צדיקים געזאגט, איך פארשטיי נישט פארוואס די אמאליגע גדולים האבן מיך אזוי מקרב געווען, אבער די היינטיגע גדולים זענען מיר שוין נישט אזוי מכבד,

נאר האט דער הייליגער דברי חיים מיט זיין גרויס עניוות געזאגט, עס מיז זיין אז די אמאליגע גדולים האבן געקוקט אויף מיינע עבודת החיצוניות, און דאס איז זיי טאקע געפאלן, אבער די היינטיגע גדולים קוקען אריין אין מיין פנימיות, און טאקע מיין פנימיות איז ליידער זייער נישט ווי עס ברויך צו זיין,

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז געווען א חשובע בנש"ק ביים צדיק הרה"ק רבי אייזיק מזידיטשוב זי"ע, און ער האט דארט גערעדט אין די ענינים פון די מחלוקה וואס איז פאר געקומען צווישן דעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע און אן אנדערן גדול הדור,

ווען דער צדיק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע האט דאס געהערט, האט ער גענומען א חומש אין די האנט און געזאגט בזה"ל, "צאנזער רב איז די תורה, אז מ'האלט מיט'ן צאנזער רב, האלט מען מיט די תורה, און אז מ'האלט נישט מיט'ן צאנזער רב, האלט מען נישט מיט די תורה",

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז הרה"ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק מליובאוויטש זי"ע האט אמאל ערהאלטן דריי גאר טופע תשובות פון דריי גדולים בדורו לגבי א שאלה אויף אן עגונה,

איינס איז געווען פון הגה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע, דאס צווייטע איז געווען פון הגה"ק בעל שואל ומשיב מלבוב זי"ע, און די דריטע איז געווען פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע,

אויף איין תשובה האט דער צמח צדק זי"ע געזאגט, אז עס איז געווען א אמתע תשובה, אויף דעם אנדערן תשובה האט ער געזאגט, אז עס איז געווען א תשובה געשריבן מיט גרויס חכמה, און אויפן תשובה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע האט ער געזאגט, אז עס איז געשריבן געווארן סיי מיט א אמת, און אויך מיט א געוואלדיגע חכמה.

הרה"ק רבי יצחק מסטוטשין זי"ע פלעגט כסדר זאגן, אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע איז געווען א גאון און גדול בתורה אויף א גאר הויכע דרגה, אויך זיין געוואלדיגע עבודה אין עבודת השם איז געווען למעלה מהשגותינו, אויך אין מידת צדקה וחסד איז דער דברי חיים געווען א יחיד בדורו,

האט דער צדיק מסטוטשין זי"ע אויס געפירט, אז עס מיז זיין אז דער דברי חיים האט געלערנט 24 שעה א טאג, געטון זיין עבודת השם 24 שעה א טאג, און פארשטייט זיך עוסק געווען בצדקה וחסד 24 שעה א טאג, וואס דאס איז למעלה מן הזמן און מיט א התפשטות הגשמיות און ממש נישט צו פארשטיין פאר א מענטשליכע שכל,

נאך די חתונה האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געוואוינט פאר א שטיק צייט אין שטאט ווארשא, דער צדיק איז דאן געזעצן און עוסק געווען בתורה יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט דאן געלעבט אין א גרויסע דחקות, און דערפאר האט ער געוואוינט אינעם שטוב נעבן דעם בי"ד שטיבל,

איין טאג האט דער דברי חיים געהערט ווי עס קומט פאר א דין תורה אינעם בי"ד שטיבל צווישן צוויי סוחרים, און די בי"ד האט נישט געקענט ארויס קומען מיט א ריכטיגע פסק הלכה, און דערפאר האבן די דיינים געהייסן פאר די סוחרים צוריק צו קומען דעם קומענדיגן טאג,

אבער דער דברי חיים מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה האט גלייך געוויסט די פסק הלכה, און דערפאר איז ער צו געגאנגען צו די סוחרים, און ער האט זיי געוויזן דעם הלכה אין שולחן ערוך, אבער האט זיי אן געזאגט נישט צו דערציילן פארן בי"ד פון ווי זיי האבן באקומען דעם תשובה,

דעם קומענדיגן טאג האבן די צוויי סוחרים געוויזן פאר די בי"ד דעם הלכה, און די בי"ד האט טאקע גע'פסק'נט דעם דין תורה, און די צוויי סוחרים זענען ארויס צופרידען פונעם פסק הלכה, אבער דאן האבן זיי געוואלט געבן געלט פארן דברי חיים אלס שכר פאר מברר זיין די פסק הלכה,

אבער פארשטייט זיך אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען דאס געלט, האבן זיי געגעבן די געלט פארן רעבעצין, אבער ווען דער דברי חיים איז געוואר געווארן, האט ער געהייסן צוריק געבן דאס געלט פאר די סוחרים,

יארן שפעטער ווען דער הייליגער דברי חיים איז שוין געווען מפורסם אלס דער צאנזער רב, זענען אמאל א קבוצה מיט חסידים פון צאנז געפארן קיין ווארשא, האבן זיי דאן געטראפן די צוויי סוחרים וואס האבן דערציילט די גאנצע מעשה,

האבן זיי דאן געפרעגט, היתכן דער צאנזער רב האט דאן נישט געוואלט נעמען דאס געלט, אבער היינט אלס רבי נעמט ער געלט פון די חסידים און אפילו קען זיך מאכן אז די רבי בעט גאר געלט פון די חסידים,

ווען די חסידים האבן דערציילט פארן רבין וואס די סוחרים האבן געפרעגט, האט דער הייליגער דברי חיים געענטפערט, ווען איך האב געוואוינט אין ווארשא, האב איך געלערנט תורה לשמה, און דערפאר האב איך בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין געלט, ווייל איך האב נישט געוואלט האבן קיין הנאה גשמיות פון לימוד התורה, אבער היינט ווען איך בין שוין א רבי, האב איך שוין א דעה אין הימל, און דערפאר קען איך שוין נעמען געלט און דורך דעם אראפ ברענגען ישועות פאר אידישע קינדער.

אין ספר י"ג אורות ווערט געברענגט, אז די טאג ווען מען האט אויף גענומען דעם הייליגען דברי חיים זי"ע אלס רב אין שטאט צאנז, איז דער צדיק דארט אנגעקומען צופרי, מען האט זיך דאן געשטעלט דאווענען שחרית, און גלייך נאך שחרית זענען אריין געקומען די תלמידי חכמים פון שטאט, און האבן זיך משתעשע געווען בתורה מיטן נייעם רב, און אזוי איז דאס אן געגאנגען דעם גאנצן טאג,

איז דארט געווען איינע פון די חסידים פון שטאט הרה"ח רבי יוסף ראפע ז"ל, וואס איז שפעטער געווען פון די מקורבים און גרויסע חסידים פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, וואס ער האט געטראכט ביי זיך, אז קיינער האט נאכנישט איינגעלאדענט דעם רב פאר א סעודה בוקר, און דער רב האט דאן נאכנישט געהאט טועם געווען גארנישט,

איז דער רבי יוסף אריבער געלאפן צו זיך אין שטוב, און ער האט באהאלטענערהייט געברענגט א אפגעבאקענע עפל פארן רב, און ער האט געבעטן דעם עולם, אז ער האט א זייער וויכטיגע זאך צו איבער רעדן מיטן רב אין פריוואט,

ווען דער גאנצער עולם איז ארויס, האט דער רבי יוסף ארויס גענומען דעם עפל, און געבעטן דעם הייליגען דברי חיים אז ער זאל עפעס טועם זיין, האט דער הייליגער צדיק דער דברי חיים זי"ע דאן געזאגט, אז פון גרויס אהבת התורה האט ער בכלל נישט מרגיש געווען אז ער האט נאכנישט טועם געווען היינט גארנישט, אבער ער איז שוין דאן געווען אין א מצב פון כלות הנפש אין א סכנה פון ממש צוזאם פאלן,

און דער הייליגער דברי חיים האט יארן שפעטער נאך מכיר טובה געווען פארן חסיד רבי יוסף פאר די טובה וואס ער האט אים דאן געטון, אבער פון דעם קען מען זען דאס גרויסע אהבת התורה פון דעם צדיק, אז בשעת'ן לערנען האט ער אפילו נישט מרגיש געווען קיין הונגער, זייענדיג מקיים דעם כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה.

איינמאל ווען דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז געפארן צו הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, איז דאן פאר

געקומען א ברית ביי איינע פון די אידן פון שטאט דז'יקוב, דער איד האט זיך גאר שטארק געפרייט אז דער הייליגער דברי חיים וועט זיך משתתף זיין ביים ברית, און דער איד האט ארויס געברענגט א אלטע באטל שטארקע וויין, און דער איד האט מכבד געווען דעם גאסט דעם הייליגען דברי חיים מיט א גלעזל וויין,

דער דברי חיים האט אויס געטרינקען דעם גלעזל און געבעטן נאך א גלעזל וויין, דער איד האט זיך געבעטן צום הייליגען דברי חיים, אז די וויין איז גאר שטארק און ער זאל נישט אזויפיל טרינקען, אבער דער דברי חיים מיט זיין דביקות האט אויס געטרינקען דעם גאנצן באטל, און נאכן ברית ווען דער דברי חיים האט געוואלט ווייטער פארן, האט דער איד דער בעל הברית געבעטן דעם דברי חיים, אז ער זאל זיך אביסל צו לייגען און זיך נישט גלייך ארויס לאזן,

אבער דער דברי חיים האט זיך נישט צו געהערט, נאר דער דברי חיים איז אריבער צום שטוב פון רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, דער גבאי האט געוואלט צוריק גיין צום אכסניא, אבער האט זיך בארעכנט אז ער זאל נישט לאזן דעם רבין אליין אין אזא מצב נאכן טרינקען אזויפיל וויין, אבער צוריק קומענדיג צום שטוב פון רבי אליעזר מדזיקוב, האט אים רבי אליעזר געוויזן אז ער זאל אהיים גיין און לאזן דעם רבין דא איבער נאכט,

צופרי ווען דער גבאי איז צוריק געקומען צום שטוב פון רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, האט ער געטראפן דעם רבין דעם הייליגען דברי חיים שטייענדיג ביים מזוזה און ליינענדיג קריאת שמע, האט אים רבי אליעזר מדזיקוב געזאגט, מיינט נישט אז דאס איז קריאת שמע של שחרית, ניין דאס איז נאך קריאת שמע פון ביינאכט,

און דערציילט דעם גבאי'ן, אז דער הייליגער דברי חיים שטייט שוין אין זיין דביקות גאנצע 6 שעה ביים מזוזה ליינענדיג קר"ש פון ביינאכט, און דאס איז געווען שוין נאכן טרינקען ביים ברית, אבער דאס האט בכלל נישט אוועק גענומען פון זיין גרויס דביקות,

א איד האט אמאל דערציילט פאר הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, אז ער האט געהערט ווי דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט זיך אמאל צו קרעכצעט און געזאגט בזה"ל, "וואס טוט מען מיט חטאת נעורים", און ער האט געפרעגט דעם הייליגען בעלזא רב וואס דאס מיינט,

האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע געזאגט, אז חטאת נעורים ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע איז געווען, אז ער האט אמאל יונגערהייט אינמיטן שמונה עשרה מיישב געווען א קשיא פונעם הייליגען רמב"ם,

און דאס האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געהאלטן פאר א חטאת נעורים, ווייל שפעטער יארן האט דאס מער קיינמאל נישט פאסירט, ווי דער הייליגער דברי חיים האט אליינס מעיד געווען אויף זיך, אז בשעת ער דאווענט פארגעסט ער בכלל פון די תורה הקדושה, ווייל זיין גאנצע דביקות גייט אריין אין זיין עבודת התפלה.

איינמאל איז געקומען א איד צום הייליגען צאנזער רב זי"ע פאר א המלצה בריוו, און ווי עס איז געווען איינגעפירט אין צאנז, פלעגט דער גבאי שרייבן דעם כתב המלצה און דער צאנזער רב האט דאס גע'חתמ'ט, אבער פאר דעם איד האט דער גבאי נישט געוואלט געבן קיין כתב המלצה, דער איד האט זיך אזוי ארום געדרייט אפאר טאג און נישט געוויסט וואס צו טון,

איז ער אריין צום הייליגער דברי חיים און זיך באגלאגט אז דער גבאי וויל אים נישט געבן קיין כתב המלצה, האט דער דברי חיים געפרעגט דעם גבאי'ן פארוואס ער וויל אים נישט געבן דעם כתב המלצה, האט דער גבאי געבעטן אז יעדער זאל ארויס גיין ווייל ער ברויך רעדן צום רבין עפעס פריוואט, ווען דער איד איז ארויס האט דער גבאי געזאגט פארן דברי חיים, אז דער איד איז פון די אינשי דלא מעלה און עס איז נישט קיין כבוד אז ער זאל זיך ארום דרייען מיט א כתב המלצה פונעם רבין,

האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט פארן גבאי, איך וועל דיך אויס לערנען א כלל אין הלכות צדקה און דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געזאגט בזה"ל, "איך בין גרייט ארויס צו געבן טויזענט כתב המלצות, אז אפשר וועט איינס אנקומען צום ריכטיגען מענטש, און די בוסט גרייט צו מוותר זיין אויף טויזענט המלצה בריוון, ווייל אפשר איז צווישן אלע דא איינער וואס איז נישט ראוי".

איינער פון די גרויסע צאנזער חסידים האט זיך אמאל געגרייט צו פארן קיין צאנז, און ער האט זיך צוגעגרייט א קוויטל צו האבן גרייט ווען ער קומט אן, אינעם קוויטל האט ער אריין געשריבן אלע מיטגלידער פון זיין משפחה, און אויך זיינע בקשות, דער איד האט אויך געהאט אין דעם זעלבן ארט א צעטל, וואס דארט איז

געוועזן א רשימה פון וועש וואס ער האט געגעבן פאר דעם וועשער,

איז געשען א פארדריסליכער טעות, אז ער האט זיך טועה געווען און גענומען די רשימה פון וועש, אנשטאט די קוויטל, און ווען ער איז אנגעקומען קיין צאנז האט ער ארויסגעכאפט זיין וועש רשימה, און עס איבער געגעבן פאר'ן צאנזער רב אנשטאט זיין קוויטל, דער צאנזער רב האט געגעבן א לייכטן שמייכל און האט אים שיין אנגעוואונטשן אויף אלע זיינע בקשות, "און דער איד באמערקט, אז דער הייליגער צאנזער רב נעמט זיין קוויטל, און לייגט עס אוועק אין זיין טאש".

דער חסיד איז תיכף אהיימגעפארן בשמחה, און דערציילט פאר זיין משפחה, אז ער האט געזען אז נאר זיין קוויטל האט דער הייליגער דברי חיים אוועק געלייגט אין זיין טאש, אויך פאר זיינע חברים האט ער דערציילט דעם גרויסן חידוש, אז נאר זיין קוויטל האט דער רבי אוועק געלייגט,

אבער ווען דער חסיד האט געוואלט אפנעמען זיינע וועש פון דעם וועשער, און ער האט געוואלט נעמען די רשימה מיט דעם אונטערשריפט פון וועשער, אז ער האט באקומען דעם צאל וועש, איז אים שווארץ געווארן פאר די אויגן צו טרעפן זיין "קוויטל" וואס ער האט אן געגרייט צו געבן פאר'ן הייליגן דברי חיים, עס איז זיך לייכט פארצושטעלן דער צער וואס דער איד האט געהאט, אז ער איז געקומען מיט א רשימה פון וועש צום צדיק הדור,

ער האט אויסגעבראכן מיט א ביטער געוויין אויפ'ן בזיון וואס ער האט גורם געווען פאר'ן צדיק, און ער האט זיך תיכף אויף געהויבן און צוריק געפארן קיין צאנז כדי איבער צו בעטן דעם רבי'ן, עס זאל אים חלילה נישט שאדן דעם רבי'נס הקפדה, אויפ'ן גאנצן וועג האט ער געוויינט אויף דעם געפערליכן טעות וואס ער האט געמאכט, און מיט טרערן אין די אויגן איז ער אריין געקומען צום דברי חיים און געוואלט איבער בעטן דעם רבי'ן,

אבער ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט אים באמערקט, האט ער גלייך ארויס גענומען זיין וועש רשימה, און עס געגעבן פאר'ן חסיד, זאגנדיג, "איך האב עס געהאלטן פאר דיר, אז דו זאלסט קענען צוריק נעמען דיינע וועש פונ'ם וועשער, אבער וויסן זאלסטו, אז ווען א איד קומט אריין צו מיר אין שטוב און רירט אן מיין קלאמקע, ווייס איך שוין אלע בקשות וואס ער דארף", און דער דברי חיים האט אים דאן נאכאמאל אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

אמאל איז געקומען צום צאנזער רב א פרוי, און האט שטארק געוויינט מיט א פארביטערט הארץ, אז איר מאן איז פון איר אוועק שוין פיל יארן, און איר איבער געלאזט אלס אן עגונה, און זי האט נישט צו געבן אירע קינדער אפילו א שטיקל ברויט, דער צאנזער רב האט איר געענטפערט, וואס קען איך דיך טוען, קען איך דען וויסן וואו דיין מאן איז, האט די פרוי נאך מער אנגעהויבן צו וויינען, און האט געזאגט, "העלפט מיר רבי, ווייל איך האב מיך נישט צו ווענדן, צו וועמען זאל איך גיין",

דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז געזעסן שטארק פארקלערט עטליכע מינוט, און דערנאך האט ער געזאגט, מיין דעה איז, אז דו זאלסט פארן אים אויפזוכן אין די מדינה אונגארן אין די שטאט "באלשא-דירמאט", און דארט וועסטו אים זיכער טרעפן, און איך וועל דיר מיט געבן א בריוו צום רב פון די שטאט, וואס הייסט הגאון רבי אהרן דוד דייטש, און ער וועט דיר א טובה טוען, דער צאנזער רב האט תיכף אפ געשריבן א בריוו, און אין דאס בריוול איז געשטאנען, אז ער בעט פונעם רב אז ער זאל טוען א טובה די פרוי, אז איר מאן זאל איר געבן א גט פיטורין, וואס ער האט זי איבער געלאזט אן עגונה שוין אזוי פיל יארן,

די פרוי איז תיכף אהין געפארן און איז געקומען צום רב רבי אהרן דוד, ווי נאר דער רב האט געעפנט דעם בריוו און געלייענט וואס שטייט דארט, איז ער געבליבן שטיין אינגאנצן פארוואונדערט, ער האט נישט געקענט פארשטיין וואס דער צאנזער רב האט אים געשריבן, וואס פארא טובה קען ער טוען פאר די פרוי, ווי אזוי קען ער זען אז איר מאן זאל זי גט'ן ווען ער הייבט נישט אן צו וויסן ווער דאס איז און וואו ער איז.

ער האט געוויזן דעם בריוו פאר אנדערע מענטשן וואס זענען דארט געשטאנען, זיי האבן זיך אלע שטארק פארוואונדערט, און קיינער האט נישט פארשטאנען די כוונה פונעם בריוו, דער גאון רבי אהרן דוד האט זיך אבער מיישב געווען, אז מסתמא, אז דער צדיק פון צאנז האט צו מיר געשיקט אזא בריוו, האט ער זיכער געזען מיט זיינע הייליגע אויגן אז דורך מיר וועט די פרוי האבן א ישועה, צוליב דעם האט ער אנגעהויבן צו טרייסטן די

פרוי אז ער וועט איר א טובה טוען ווי ווייט ער וועט קענען,

ער האט דאן געהייסן איינעם פון זיינע משמשים אז זיי זאלן רופן א "שוסטער", אז ער זאל פאררעכטן זיינע שיך, ווייל אויב עס וועט אים אויס קומען צו גיין און צו פארן וועגן דעם עסק, זאל די שיך נישט נישט זיין קיין עיכוב, דער משמש האט געברענגט א שוסטער און אזוי ווי די פרוי האט געזען דעם שוסטער, האט זי אים באלד דערקענט אז דאס איז איר מאן, דער שוסטער האט אבער געלייקנט, און געזאגט אז ער הייסט גאר מיט אן אנדערן נאמען, און ער איז נישט איר מאן,

אבער דער רב רבי אהרן דוד האט תיכף דערקענט אז די פרוי זאגט אמת, און האט אנגעהויבן צו שרייען אויף דעם שוסטער אז ער זאל זיך מודה זיין, און נאך דערצו, אז דער צאנזער רב האט זי דא אהער געשיקט, איז ער בוודאי איר מאן, און נאך א לאנגע צייט האט דער שוסטער געמוזט מודה זיין אז ער איז טאקע דעם געוועזענעם מאן, און די פרוי האט אויך געזאגט געוויסע סימנים און מ'האט פעסטגעשטעלט אז דאס איז טאקע דער געזוכטער מאן, אויך האט ער מודה געווען אז ער האט זיך געגעבן אן אנדערן נאמען, און ער האט זי טאקע גע'גט, און איר אויך געגעבן געלט, אזוי ווי דער בית דין האט אויס געגליכן צווישן זיי ביידע.

ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע איז אמאל געווען אין שטאט באדאן אויף אפרוה, האט פאסירט, אז שבת בייטאג ביי די סעודה זענען אנגעקומען צום טיש צוויי יונגאטשעס, וואס זענען נעבעך געווען זעהר פאר דארבען, און זיי האבן באטראכט דעם טיש, און ווען דער צאנזער רב האט געטיילט קוגל פאר'ן עולם, האט ער אויך געגעבן פאר די צוויי יונגאטשעס, איינער פון די צוויי האט עס געגעסן, אבער ביים צווייטן איז עס געווען ווי א געלעכטער, און ער האט זיך אנגערופן צו זיין חבר מיט א געלעכטער, "דו ביסט שוין אויך געווארן א חסיד",

אבער ווען די צוויי זענען אנגעקומען צו זייער אכסניא און מען האט פאר זיי געברענגט געוויסע נישט-כשר'ע מאכלים, האט זיך ארויס געשטעלט אז דער וואס האט געגעסן פונעם צאנזער רב'ס שיריים, האט נישט געקענט עסן פון די מאכלים, און דאס האט זיך אזוי איבערגע'חזר'ט טעגליך, מ'איז געגאנגען צו דאקטוירים אבער זיי האבן נישט געקענט פעסט שטעלן די סיבה דערצו,

ער האט דערציילט פאר זיין ווייב אז זייט ער האט געגעסן קוגל פונעם צאנזער רב, האט ער פארלוירן זיין אפעטיט און ער קען גארנישט עסן, איז זיין ווייב געפארן מיט איר מאן צום צאנזער רב, און האט זיך גערעגט פארוואס דער צאנזער רב האט קראנק געמאכט איר מאן, ווייל זייט ער האט געגעסן דעם קוגל קען ער גארנישט עסן,

האט דער הייליגער צאנזער רב איר געענטפערט, "אייער מאן איז בכלל נישט קראנק", און דער הייליגער דברי חיים האט דאן באפוילן אריין צו ברענגען א טעלער יויך, און אויך פלייש מיט צו געהערן, און דער חברה-מאן האט תיכף אויפגעגעסן אלע מאכלים איינס צוויי, ווייל ער איז דאך געווען אויסגעהונגערט, ווייל ער האט עטליכע טעג גארנישט געגעסן,

צו יעדנ'ס וואונדער האט דער צאנזער רב זיי דאן מסביר געווען, אז וויבאלד ער האט געגעסן פון זיין שיריים האט עס געהייליגט זיינע געדערים, און ער קען שוין מער נישט עסן קיין טריפה'נע מאכלים, "על כן" פירט אויס דער הייליגער צאנזער רב, "זאלט איר כשר'ן די כלים, און רופן א אידישע קעכערן וואס קאכט בלויז כשר'ס און דעמאלט וועט ער שוין קענען עסן געהעריג", אזוי איז טאקע געווען, מ'האט אנגעהויבן צו עסן נאר כשר'ס, ביז זיי זענען געווארן ריכטיגע בעל תשובה.

עס איז באקאנט, אז הגה"ק רבי אברהם יהודה שווארץ בעל קול ארי' אב"ד מאד זי"ע איינער פון די גרעסטע גאונים אין אונגארן, איז געווען א גרויסער חסיד פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, פילע הייליגע ענינים זענען פאר געגאנגען צווישן די צוויי גדולי הדור, אמאל האט דער הייליגער צאנזער רב געשיקט א "טעלעגראם" צום הייליגען קול ארי', אז ער דארף נויטיג האבן פיר הונדערט רענדלעך, דער הייליגער קול ארי' האט תיכף צוזאמגעקליבן אין זיין שטאט דעם גרויסן סכום און עס אריבער געשיקט קיין צאנז,

דער הייליגער צאנזער רב האט תיכף געשיקט א בריוו צום קול ארי' אים צו באדאנקען אויף דעם גרויסן סכום וואס ער האט אים אזוי שנעל געשיקט, און האט אים אנגעוואונטשן מיט פיל ברכות, צום סוף פונעם בריוו שרייבט דער צאנזער רב בזה"ל, אז ווען ער (דער קול ארי') וועט זיין אין אן עת צרה, וועט דער זכות הצדקה אים העלפן, ווי פארשטענדליך ווען דער קול ארי' האט געליינט די ווערטער האט ער זיך שטארק דערשראקן,

עס זענען דורך עטליכע חדשים, און דער קול ארי׳ איז ל״ע קראנק געווארן, מען האט אים געמוזט אריינפירן אין שפיטאל קיין וויען דארט דורכצופירן אן אפעראציע, די אפעראציע פאר זיך איז דורך בשלום אן א סכנה, אבער נאך עטליכע טעג האבן זיך געמאכט גרויסע קאמפליקאציעס, דער מצב איז געווארן סכנת נפשות ממש און דער קול ארי׳ איז אריין געפאלן אין א שרעקליכע סכנה, דאס האט פאסירט אינמיטן די נאכט, ווען די גרויסע דאקטוירים געפינען זיך נישט אין שפיטאל,

פלוצלונג האט מען געהערט א גרויסער רעש אין הויף פון שפיטאל, דער גרויסער פראפעסאר וואס האט געמאכט די אפעראציע איז אנגעקומען מיט זיין פערד און וואגן, אינמיטן די נאכט, ער לויפט אריין אין שפיטאל צעטומלט מיט קולות, און פרעגט, אין וועלכע שטוב ליגט זיין פאציענט, דער מאדער רב, און ווען דער דאקטאר האט דערזען דעם שרעקליכן מצב האט ער זיך תיכף גענומען טוען וואס מ׳קען, און בחסדי השם געראטעוועט דעם קול ארי׳ פון זיין סכנה, פון וועלכע ער האט זיך שפעטער פולקאם ערהוילט,

דער פראפעסאר האט דאן דערציילט, אז ער איז געלעגן אין זיין בעט פארמאטערט פון זיין שווערע ארבעט בייטאג, און ער איז איינגעשלאפן, פלוצלונג האט אים אויפגעוועקט אן אלטער איד וואס הינקט אויף זיין פיס, און ער האט פונקטליך אויס געמאלן דאס געשטאלט פונעם היילגען דברי חיים, ער האט אים אראפ געשטופט פון זיין בעט, און געשריגן אויף אים, "גיי שוין צום שפיטאל, ווייל דיין פאציענט איז יעצט אין א גרויסע צרה, ער איז שטארק מסוכן", און טאקע דערפאר, בין איך תיכף געקומען אין איילעניש אינמיטן די נאכט וואס איך האב דאס נאך קיינמאל נישט געטוען, דאן האט מען גוט פארשטאנען די ברכה וואס דער צאנזער רב זי״ע האט געגעבן פארן היילגען קול ארי׳ זי״ע יארן צוריק.

הרה״ק רבי אהרן ראטה בעל שומר אמונים זי״ע האט דערציילט, אז אמאל איז די טאכטער פון הגה״ק רבי קאפיל רייך זי״ע זייער קראנק געווארן און זי איז אריין געפאלן אין א קאמא, די דאקטוירים האבן אויף געגעבן אויף די טאכטער און געזאגט אז עס איז מער נישט דא וואס מען זאל טון,

האבן די אידן אין שטאט מציע געווען פאר רבי קאפיל, אז ער זאל אריבער גיין צום היילגען צאנזער רב זי״ע און ער וועט זיכער קענען פועל׳ן א ישועה, דער רבי קאפיל רייך זייענדיג א אשכנזישע איד און בכלל נישט קיין חסיד האט קודם נישט געוואלט גיין, אבער לטובה פון זיין טאכטער האט ער מסכים געווען צו פארן קיין צאנז,

מען איז אנגעקומען אין צאנז בעפאר מעריב, האט דער צאנזער רב זי״ע געזאגט, אז מען זאל ווארטן אויף ביז נאך מעריב, ווייל ביי מעריב קען ער פועל׳ן ישועות גדולות ונצורות, נאך מעריב האט דער היילגער דברי חיים געבעטן פון זיין טאכטער הצדקת מרת נחמעלע ע״ה, אז זי זאל ברענגען א גלעזל מילך, וואס ווי באקאנט האט דער דברי חיים ממש גארנישט געגעסן דורך׳ן טאג, און נאר ביינאכט נאך מעריב האט ער עפעס טועם געווען,

ווען מען האט געברענגט דעם גלעזל מילך האט דער היילגער דברי חיים זי״ע טועם געווען פון די מילך, און דאן האט ער געהייסן פאר רבי קאפיל רייך, אז ער זאל געבן פארן טאכטער צו טרינקען פון די מילך, האט רבי קאפיל געזאגט פארן דברי חיים, זי קען דאך נישט טרינקען, אבער די גבאים האבן געכאפט דעם גלעזל און געגעבן פארן טאכטער אביסל צו טרינקען, און אזוי האט דער דברי חיים כסדר געגעבן שיריים פון אלע עסן, גלייך האט מען געזען א שינה לטובה אויפן טאכטער, אויפן וועג ארויס האט מען געשלעפט דאס מיידל מיטן רעדער שטוהל, האט דער דברי חיים געשריגן, פארוואס שלעפט מען איר, זאל זי גיין אויף די אייגענע פיס, לפלא האט זיך דאס מיידל אויף געשטעלט און געגאנגען אויף די אייגענע פיס,

שפעטער ווען זי איז אינגאנצן געזונט געווארן, איז רבי קאפיל רייך זי״ע געקומען מיטן טאכטער צום היילגען צאנזער רב זי״ע זיך צו באדאנקען אויף דעם גרויסן ישועה וואס ער האט גע׳פועל׳ט פארן קינד, אויפן וועג ארויס האט דאס מיידל געקישט די מזוזה און געזאגט פארן טאטן, "טאטע דא וואוינט נישט קיין מענטש, דא וואוינט א מלאך".

הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי״ע האט געזאגט, אז ער האט אמאל געהערט פון הרה״ק רבי סיני מזמיגראד זי״ע דער זון פון הרה״ק רבי ברוך מגארליץ זי״ע, אז איינמאל איז דער היילגער דברי חיים מצאנז זי״ע שבת קודש ביי קידוש אריין געפאלן אין א גרויסע דביקות, און אויס גערעכנט אלע גלות׳ן ווי אידן זענען שוין געווען, בבול, שפאניע, דייטשלאנד, און דאס

לעצמע האט ער אויס גערעכנט גלות אמעריקע, אז דאס וועט זיין דאס לעצטע גלות ווי אידן וועלן זיין, און דערנאך וועט קומען משיח צדקנו און אונז אויסלייזן פון גלות.

ווערט דערציילט א מעשה נפלא, אז ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע האט פאסירט, אז די מעסער מיט וואס ער האט געשניטן די מוציא שבת קודש ביים טיש איז געווען זייער נישט שארף, און ביים טיש האט זיך דער הייליגער צאנזער רב זי"ע זייער געמיטשעט צו שניידן די מוציא.

איז געווען דארט ביים טיש א איד וואס האט ביי זיך געטראכט, פארוואס שארפט מען נישט אויס די מעסער אז דער הייליגער צאנזער רב זאל קענען גרינגער שניידן די חלה און זיך נישט ברויכן אזוי פלאגן, און בכלל איז דאך א ענין צו שארפן די מעסער ערב שבת קודש, איז דער איד אינמיטן די וואך אריבער צום שטוב פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, וואס די שטוב איז דאך סיי ווי געווען אפען פאר יעדן, און דער איד האט גענומען דעם מעסער, און דאס גוט אויס געשארפט, כדי דער צאנזער רב זאל זיך נישט אזוי מיטשען שבת קודש ביים שניידן די חלה.

דעם קומענדיגן שבת קודש ביינאכט, ווען דער הייליגען צאנזער רב זי"ע האט גענומען דעם מעסער צו שניידן די חלה, האט זיך טאקע די חלה גאר שנעל דורך געשניטן, לפלא גלייך נאכדעם וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געענדיגט עסן דעם פרוסת המוציא, האט ער אנגעהויבן שרייען מיט קולות, ווער האט געהאט די חוצפה צו צי רירן צו מיין מעסער.

פארשטייט זיך דער גאנצער עולם האט זיך גאר שטארק דערשראקן, אבער דער איד וואס האט דאס געטון איז ממש געווען דערשראקן צום טויט, ווייל ער מורא געהאט אז דער הייליגער צאנזער רב וועט זיכער האבן א שטארקע הקפדה אויף אים.

אבער זעענדיג אז ער האט נישט קיין ברירה, איז ער צו געגאנגען צום דברי חיים און זיך מודה געווען אז ער האט אויס געשארפט די מעסער, האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט פאר דעם איד, בזה"ל, "היות די האסט געהאט די חוצפה צו רירן מיין מעסער און דאס אויס שארפן", דער איד האט זיך שוין גערישט אויפן הקפדה, אבער דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט אויס געפירט בזה"ל, "דערפאר וועל איך דיך בענטשן מיט אריכות ימים ושנים טובות", ווייל דאס איז געווען דעם דרך פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, אז אפילו ער האט זיכער געהאט גרויסע כוונות פארוואס ער האט נישט געוואלט שארפן דעם מעסער, האט ער מיט דעם אלעם געבענטשט דעם איד מיט א ברכה פארן דאס טון.

הרה"ק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע האט דערציילט, אז אמאל איז געקומען אויף שבת קודש צום הייליגען צאנזער רב זי"ע א גאר פשוטע איד א בעל עגלה, און ביי קריאת התורה האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געהייסן מאכן אן הספה און געבן אן עלי' פארן בעל עגלה, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פארן גבאי'ן וויבאלד דאס איז נישט געווען קיין געוועגליכע ערשיינונג ביי הייליגען צאנזער רב זי"ע, און ספעציעל נישט פאר אזא פשוטע מענטש.

ביי די עלי' האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געליינט, און ער האט אויס געלאזט מיט די ווערטער ביי די פרשה פון ערי מקלט, "מות יומת הרוצח", עס איז געווען א גרויסע וואונדער, און מוצאי שבת קודש האבן די אידן לכבוד דעם נישט געוואלט פארן מיט דעם בעל עגלה, מורא האבענדיג אז אפשר האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזעהן אויף דעם איד אז ער איז ח"ו א רוצח, אבער ווען מען האט געפרעגט דעם צאנזער רב זי"ע איבער דעם, האט ער געזאגט אז מען קען פארן מיט דעם איד און מען ברויך נישט מורא האבן.

אפאר וואכן שפעטער האט דער פשוטער איד דער בעל עגלה דערציילט פארן צדיק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע, אז ער דער בעל עגלה האט געהאט א מידה מגונה, אז ער פלעגט כסדר שלאגן זיינע קינדער אין שטוב, און אפילו ער האט געוויסט אז דאס איז נישט ריכטיג, האט ער זיך אבער נישט געקענט באהערשן, אבער זייט ער האט עולה געווען ביים הייליגען צאנזער רב, האט זיך די מידה אפגעטון פון אים, דאן האט דער צדיק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע פארשטאנען, וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט דא אן געארבעט.

ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט אהיים געקומען פון ביהמ"ד, פלעגט מען אים אראפ נעמען די אלטע באנדאזשן, איינשמירן דעם ווייעדיגען פוס, און באנדאזשירן פון פריש, דער סדר איז געווען אז דער צאנזער רב האט זיך געזעצט לערנען, ארויף געלייגט דעם פוס אויף א בענקל, און מ'פלעגט אראפ נעמען די

אלטע באנדאזשן, עס נאכאמאל איינשמירן, און באנדאזשירן פון פריש.

אין שטוב פונעם הייליגען צאנזער רב פלעגט זיך דרייען א קליין מיידל פון די דערנעבנדע שכנים, וועלכע האט זיך געשפילט מיט די טעכטער פונעם הייליגען דברי חיים, עס איז זי אסאך מאל אויס געקומען צו זיין אין שטוב ווען מ'פלעגט פארבאנדאזשירן דעם פוס פונעם דברי חיים.

אמאל ווען דער צאנזער רב איז צוריק געקומען פון ביהמ"ד, איז זי פונקט דארט געווען, און זי האט צוגעשטעלט די זאלב איינצושמירן דעם פוס און די פרישע באנדאזשן, האט דער צאנזער רב זיך דאן אנגערופן, "דו זאלסט לאנג לעבן" ותגזר אומר ויקם לך, די ברכה פון צאנזער רב איז מקויים געווארן במילואה, די פרוי האט דורך געלעבט ביידע וועלט קריגן, און איז אוועק אין ירושלים אין טיפן עלטער פון 112 יאר!.

אין ארץ ישראל האט געוואוינט א זקן מיט'ן נאמען הרה"ח ר' יצחק (איטשע) פרענקל ע"ה, וועלכער האט זוכה געווען צו אריכת ימים פון צאנזער רב'ס א ברכה, ומעשה שהי' כך הי':

ווען ר' יצחק איז געווען זעקס יאר אלט, איז געווען א מגיפה ל"ע אין צאנז, און אויך ער איז קראנק געווארן ל"ע, זיין מוטער איז געלאפן צום הייליגן צאנזער רב און געוויינט און געשריגן פארביטערטערהייט, "מיין זון הערט יעדן טאג די ברכות פון רבי'ן, און יעצט וועט ער ח"ו אויסגיין ווי א יונגאטש", האט דער צאנזער רב איר אנגעשריגן, "ארויס פון דאנעט, איך האלט פאר'ן דאווענען, ער וועט סיי ווי זיין אן אלטער איד, שטערט מיך נישט פון דאווענען".

זעלבסטפארשטענדליך אז מער ווי דאס האט די מוטער פונעם קינד נישט געדארפט, און דאס קינד איז טאקע געזונט געווארן, נאך זיין חתונה האט ר' יצחק זיך געפלאגט אויף פרנסה, און ער איז אמאל געגאנגען מיט זיין בני בית צום שינאווער רב זי"ע בעטן א ברכה אויף פרנסה, און זייענדיג ביים שינאווער רב האט ער דערציילט וועגן די ברכה אויף אריכות ימים וואס ער האט באקומען פון רבינ'ס פאטער, דער צאנזער רב זי"ע, רופט זיך אן ר' יצחק'ס ווייב, "ער (מיין מאן) האט א ברכה פון צאנזער רב, אבער איך האב נישט קיין ברכה".

זאגט צו איר דער שינאווער רב: "גייט שוין, איר וועט אים נאך איבער לעבן", שפעטער, אין די צייט פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען דריי שיפן מיט אידן זענען אפגעפארן קיין ארץ ישראל, וואס ליידער זענען צוויי באשאסן געווארן און געזונקען דורך די דייטשן ימ"ש, און ר' יצחק פרענקל איז געפארן אויף איינע פון די שיפן, האבן עטליכע צאנזער אייניקלעך, ובתוכם כ"ק מרן אדמו"ר רבי נפתלי צבי מבאבוב זי"ע, געקויפט בילעטן אויף די זעלבע שיף, וויסנדיג וועגן די ברכה פון צאנזער זיידן פאר ר' איטשע אויף אריכת ימים.

עס איז טאקע אזוי געווען, נאר יענער שיף איז ניצול געווארן ווען די דייטשן האבן עס נישט באמערקט, און עס איז איבריג צו זאגן, אז דער צאנזער רב'ס ברכה איז מקויים געווארן, ר' איטשע איז אוועק כ"ה שבט תשט"ו אלס זקן מופלג פון 87 יאר, און זיין פרוי האט נאך באגלייט דעם מאן למנוחת עולמים, און צומארגענס אינדערפרי איז זי אויך נפטר געווארן.

אין ירושלים האט געוואוינט א חשוב'ער איד א חסיד, ער האט געהייסן ר' חיים הירשמאן ריישער ע"ה, ער האט געהייסן "חיים" נאכ'ן צאנזער רב זי"ע, און ער האט דערציילט דאס פאלגענדע מעשה.

דעם לעצטן פורים בשנת תרל"ו, האט דער צאנזער רב געזאגט פאר אן עושר וועלכער איז געווען א "חשוך בנים" רח"ל, וואס אויך ר' חיים ריישער'ס פאטער איז געווען א חשוכי בנים ל"ע יארן לאנג, אז אויב דער עושר וועט אים ברענגען אויפ'ן ארט טויזנט זלאטעס פאר צדקה, וועט ער געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, דער דאזיגער גביר וועלכער איז געווען מקטני הדעת און א קמצן, האט געענטפערט דעם צאנזער רב, אז ער דארף זיך גיין בעראטן מיט זיין פרוי צי ער זאל געבן די טויזנט זלאטעס.

בשעת דער גביר האט זיך געוואנדן צו גיין צו די טיר, האט דער צאנזער רב געפרעגט ר' חיים'ס פאטער צי ער האט הונדערט זלאטעס פאר צדקה, וועט ער אים צו זאגן א בן זכר, זעלבסטפארשטענדליך אז ער האט באלד אהין געגעבן די הונדערט זלאטעס פארן הייליגען צאנזער רב, און דער צאנזער רב האט אים צו געזאגט א בן זכר.

אזוי שטייענדיג שוין ביי די טיר, האט דער עושר זיך בארעכנט אז ער איז גרייט צו געבן די טויזנט זלאטעס

און ער דארף זיך נישט דורכרעדן מיט זיין בני בית, האט ער זיך אומגעקערט צום צאנזער רב און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו געבן די טויזנט זלאטעס, האט דער צאנזער רב זיך אנגערופן צו אים: "פארפאלן, איך האב שוין אוועק געגעבן דעם בן זכר פאר א צווייטן", און א יאר שפעטער איז ר' חיים הירשמאן געבוירן געווארן, און מ'האט אים א נאמען געגעבן חיים נאכ'ן צאנזער רב זי"ע, וועלכער איז אינצווישן נסתלק געווארן כ"ה ניסן תרל"ו.

הגה"ק רבי יקותיאל יהודה מבארדיוב זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע געווען אין שטאט וויען, און ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע איז געווען ביים באן אוועק צו פארן, האט דער צדיק געהערט ווי א קינד וויינט זייער, האט ער געהייסן פארן גבאי'ן אז ער זאל זעהן ווער עס וויינט,

האט מען דערציילט פארן הייליגען צאנזער רב זי"ע, אז דאס איז א נישט אידיש קינד וואס וויינט זייער, ווייל זי האט געהאט א בילעט צו פארן מיטן באן און זי האט דאס פארלוירן, דערפאר וויינט זי אזוי,

האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע גענומען געלט, און געהייסן מען זאל דאס אהין געבן פארן קינד, און מען זאל איר זאגן בזה"ל, "דער ראבינער הלברשטאם האט דיר געשיקט דאס געלט", דער עולם האט נישט גלייך פארשטאנען וואס דא איז פארגעקומען,

יארן שפעטער האט זיך געמאכט, אז א איד וואס האט געוואוינט אין שטאט לעמבערג, און דער איד האט זיך באשעפטיגט מיטן מאכן שטיוול פאר די מיליטער, און ער האט זיך פארזינדיגט מיטן מאכן ביליגערע שטיוול און דאס פארקויפט פאר א טייערע פרייז, און מען האט דעם איד געכאפט ביי די מעשה, און עס האט אפ געווארט אויפן איד א שווערע שטראף,

איז דער איד אריבער צום הייליגען צאנזער רב זי"ע און ער האט זיך מזכיר געווען מיט די צרה וואסווארט אים ח"ו אפ, און ער האט זיך אויס געגאסען זיין ביטער הארץ פארן הייליגען דברי חיים זי"ע, האט אים דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט בזה"ל, "זאלסט גארנישט מורא האבן, גיי צום שר השופטים אין שטאט לעמבערג, און זאג אים, אז דער ראבינער הלברשטאם האט געזאגט, אז די בוסט נישט שולדיג",

דער איד מיט זיין גרויס אמונת צדיקים האט אויס געפאלגט וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געהייסן, ער איז ארויף צום שר השופטים אין שטאט לעמבערג, און ער האט איבער געזאגט וואס די רבי האט געהייסן "דער ראבינער הלברשטאם האט געזאגט אז ער איז נישט שודיג", דארט איז געשטאנען די פרוי פונעם שופט, און ווען זי האט געהערט די ווערטער האט זיך גלייך געזאגט פארן שר,

אז דער איד איש נישט שולדיג, "ווייל דער ראבינער הלברשטאם האט אזוי געזאגט", און זי האט דאן דערציילט פאר איר מאן וואס דער ראבינער האט אמאל געטון פאר איר ביים באן, און מען האט טאקע באפרייט דעם איד, דאן האט מען שוין פארשטאנען די הייליגע אויגן פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, אז ער האט שוין יארן פריער געזעהן אז ער וועט קענען מיט די טובה פארן נישט אידישע קינד, ברענגען א טובה פאר א אידיש קינד.

הרה"ק רבי משה ארי' פריינד גאב"ד ירושלים זי"ע האט אמאל דערציילט, אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע פלעגט יעדעס יאר מאכן א גרויסע סעודה ל"ג בעומר לכבוד די יומא דהילולא פונעם תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי ע"ה, און ביים טיש האט געהערשט א געוואלדיגע התעוררות און א געוואלדיגע שמחה של מצוה,

איין יאר איז ביים טיש געווען א איד פון ארץ ישראל, און אינמיטן די סעודה האט זיך דער איד דערמאנט די גרויסע שמחה וואס קומט פאר אין מירון ביים ציון הקדוש, און עס האט דעם איד אנגעכאפט א געוואלדיגע בענקעניש, און ער איז געווארן שטארק בעצבות פארוואס ער קען נישט יעצט זיין אין מירון,

דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט דאן געהאלטן אינמיטן עסן מייערן, פלוצלונג ריפט דער הייליגער דברי חיים צו דעם איד פון ארץ ישראל, און גיבט אים א האנט פון מייערן, און זאגט פארן איד, "דא האסטו מירון", לפלא גלייך איז דער איד געווארן אזוי בשמחה, ער האט אנגעהויבן טאנצן מיט א געוואלדיגע שמחה, און ער האט מיט געשלעפט דעם גאנצן עולם מיט זיך.

**יארצייט**
**דאנערשטאג כ״ו ניסן**

**הרה״ק רבינו משה ב״ר חיים צבי זי״ע, (טייטלבוים), בעל ברך משה, אדמו״ר מסאטמאר,**

ער איז געבוירן אין שטאט ראצפערט אונגארן, כ״ג חשון בשנת תרע״ה,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי חיים צבי בעל עצי חיים מסיגוט זי״ע,
בן הרה״ק רבי חנני׳ יו״ט בעל קדושת יו״ט מסיגוט זי״ע,
בן הרה״ק רבי יקותיאל יהודה בעל ייטב לב מסיגוט זי״ע,
בן הרה״ק רבי אלעזר ניסן מדרוהוביטש זי״ע,
בן הרה״ק בעל ישמח משה מאוהעל זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת ברכה סימא ע״ה,
בת הרה״ק רבי שלום אליעזר הלברשטאם מראצפערט זי״ע, הי״ד,
בן הרה״ק בעל דברי חיים מצאנז זי״ע,

ער איז געווען דער צענטער דור פונעם הייליגען בעש״ט הקדוש זי״ע לויט דעם סדר הדורות,
חתן הרה״ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי״ע,
חתן הרה״ק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי״ע,
בן הרה״ק רבי משולם זושא מטאלמאש זי״ע,
בן הרה״ק רבי יחיאל מיכל מקירימא זי״ע,
בן הרה״ק רבי צבי מנחם מאניפולי זי״ע,
חתן הרה״ק רבי דוד מאולניב זי״ע,
בן הרה״ק רבי צבי זי״ע,
בנו יחידו פון מרן הרה״ק הבעש״ט זי״ע,

אויך איז ער געווען א אייניקל פונעם הייליגע בעל התניא זי״ע, ווייל הרה״ק רבי משולם זושא מטאלמאש זי״ע, איז געווען א איידעם ביי הרה״ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי״ע,
בן הרה״ק רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל זי״ע,
חתן הרה״ק רבי דובער מליובאוויטש זי״ע,
בן הרה״ק רבי שניאור זלמן בעל התניא זי״ע,

יום הקדוש בשנת תרע״ה איז אנגעקומען א שמועה, אז די רוסישע מיליטער דערנעטערט זיך צו דעם שטאט סיגוט, דער הייליגער עצי חיים איז דאן אנטלאפען קיין ראצפערט צום שווער, און דארט אין ראצפערט איז דער רבי דער ברך משה געבוירן געווארן, און ווייל׳ענדיג דארט אין ראצפערט איז דער עצי חיים געגאנגען צו הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע, וואס האט אים זייער מכבד געווען ביי דעם טיש און אויך האט ער אים געהייסן זיין דער בעל קורא ביים ליינען און געגעבען די עלי׳ פון שישי,

דאנערשטאג ראש חודש כסלו תרע״ה איז פאר געקומען די ברית, מיט סנדקאות האט דער עצי חיים מכבד געווען הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע, דער בעלזא רב האט אנגעטון דעם שטריימל לכבוד דעם ברית און געהייסן אויך די אלע יושבים מען זאל זיך אנטון שבת׳דיג לכבוד דעם ברית ביים הייליגען עצי חיים זי״ע,

מען האט דעם קינד א נאמען געגעבען נאכן הייליגען זיידע דער ישמח משה זי״ע, ויקרא שמו בישראל משה,

דארט ביים ברית האט זיך געמאכט א פלפול אין עפעס א סוגיא צווישן די בעלזער רב און רבי שלום אליעזר׳ל דער שווער פונעם עצי חיים, און דער עצי חיים איז דארט געזעצען און אויס געהערט דעם גאנצן שמועס, נאך א שטיק צייט האט דער בעלזער רב געפרעגט פונעם עצי חיים וואס ער זאגט, האט דער הייליגער עצי חיים געהייסן ברענגען א גמרא, און געוויזען אז די גאנצע פלפול איז א תוספות אין ש״ס,

די אלע רבנים וואס זענען דארט געווען זענען ארויס פון התפעלות פון דעם בקיאות פונעם עצי חיים זי״ע, און דער בעלזער רב האט דערנאך געזאגט פאר זיינע מקורבים, אז דער גרעסטער חידוש פון די גאנצע מעשה איז די כוח המעצר פונעם הייליגען עצי חיים פון נישט ארויס ווייזען זיין בקיאות פאר מען האט אים געפרעגט,

דער ברך משה זי״ע, האט געהאט די זכי׳ בילדותו צו קענען אסאך צדיקים וקדושים מדורות הקודמים, ווייל זיין טאטע דער הייליגער עצי חיים פלעגט אים אסאך מיט נעמען ווען ער איז געגאנגען צו צדיקים און אויך פלעגט ער מיטגיין ווען דער טאטע איז געפארן קיין סאבראנ׳ץ צום בעדער, ער האט נאך געהאט די זכי׳ צו זעהן הרה״ק רבי ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע, און הרה״ק רבי בעריש׳ל ווערעצקיער זי״ע, און איינמאל איז ער געווען מיטן טאטן ווען ער איז געגאנגען שפאצירן מיט הגה״צ רבי שמואל גראס אב״ד קראלי זי״ע, און אויך האט ער זוכה געווען צו קענען אסאך תלמידים פונעם הייליגען זיידן דער ייטב לב זי״ע,

אויך איז ער איין יאר געפארן מיטן זיידן הרה״ק רבי שלום אליעזר׳ל זי״ע הי״ד קיין צאנז אויף די יארצייט פונעם זיידן דער דברי חיים זי״ע, און דאן האט ער זוכה

געוועזן צו זעהן הרה״ק רבי ארי׳ לייבוש הלברשטאם אב״ד צאנז זי״ע, און אויך הרה״ק רבי סיני הלברשטאם מז׳מיגראד זי״ע, הי״ד,

ער האט אסאך תורה און עבודת השם געלערנט פון זיין הייליגן טאטן דער עצי חיים זי״ע, וואס האט דעם קינד געהאלטן נאנט צו זיך ווי דאס שווארץ אפעל פונעם אויג.

ליידער איז ער געווען נאר 11 יאר ווען עס איז אים אוועקגענומען געווארן זיין הייליגע טאטע פריצייטיג זייענדיג 46 יאר אלט, און עס האט זייער צובראכען דעם קינד משה וואס איז געווען מורא׳דיג צו געבינדען צום גרויסן טאטן, און ליידער 3 חדשים שפעטער איז שבר אחר שבר אויך די מאמע ע״ה נפטר געווארן פון גרויס צער פון פארלירען איר הייליגער מאן, און די קינדער זענען געבליבן קיילעכדיגע יתומים פון די טאטע און די מאמע,

דאן האט דעם רבינ׳ס פעטער הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע גענומען דעם שטוב אינטער זיך, ער האט באזארגט אלע געברויכען פאר דעם גאנצען שטוב און זיי חתונה געמאכט, דאן איז דער ברך משה געווארן גאר מקושר צום פעטער זי״ע, וואס האט מיט אים אסאך געלערנט און אויך האט ער געהאט א זכי׳ צו גיין אויף אסאך נסיעות מיטן פעטער זי״ע,

אין חדר יארן האט ער געלערנט ביי הרב החסיד רבי יעקב דייטש ז״ל, אין סיגוט, אויך האט ער געלערנט ביי החסיד המפורסם רבי חיים הלל הילער ז״ל,

ער האט דאן זייענדיג א גאר יונג קינד שוין גע׳שמ׳ט מיט זיין שארפע קאפ און א געוואלדיגע התמדת התורה, און ער איז געווען די ילד שעשועים ביי זיין טאטן פאר די קורצע צייט וואס ער האט נאך זוכה געווען צו זיין על ברכי אביו ביז צו דעם פריצייטיגע פטירה, און ווי באקאנט אז די לעצטע שטיק צייט ווען די טאטע איז שוין געווען זייער נישט געזונט, און ער פלעגט ליידער ליגען אין בעט, פלעגט ער דארט אין בעט לערנען מיט זיינע צוויי הייליגע קינדער הרה״ק רבי יקותיאל יהודה זי״ע און הרה״ק רבינו משה זי״ע אסאך סוגיות פון ש״ס, און דאס איז געבליבן מיטן רבין דער ברך משה יארן שפעטער,

אלס בחור האט ער געלערנט ביי הגה״צ רבי זלמן לייב גרויס אב״ד בערבעשט זי״ע, וואס האט מיט אים געלערנט שולחן ערוך חושן משפט און אים געגעבן די הוראה, און שפעטער ווען די טאטע איז נפטר געווארן האט דער בערבעטשער רב זי״ע זיך אריבער געצויגען קיין סיגוט כדי ארויסצוהעלפן די משפחה פונעם עצי חיים און אויך צו צוהעלפן דעם יונגען רב הרה״ק רבי יקותיאל יהודה זי״ע הי״ד וואס האט דאן איבער גענומען דאס רבנות אין סיגוט,

ער האט זוכה געווען זיך מתאבק זיין בעפר פון גרויסע צדיקי דורו, ווי זיין פעטער הרה״ק רבי ישעי׳לע טשחויבער זי״ע, און הרה״ק רבי אליעזר דוד גרינוואלד אב״ד סאטמאר בעל קרן לדוד זי״ע, אויך הרה״ק בעל כנסת יחזקאל מדעעש זי״ע, און הרה״ק רבי נפתלי טייטלבוים אב״ד נירבאטור זי״ע, און הרה״ק רבי פיניעל׳ע מאוסטילא זי״ע הי״ד, און אויך זיין פעטער הגה״צ רבי מנחם מענדל ראזענפעלד אב״ד מקאמינקא זי״ע, א איידעם פונעם זיידן רבי שלום אליעזר׳ל זי״ע,

ערב שבת קודש פרשת כי תבא בשנת תרצ״ו האט ער חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הרבנית הצדקת מרת חנה ע״ה, די טאכטער פון זיין פעטער הגה״צ רבי חנוך העניך מאיער אב״ד קערעצקי זי״ע, איידעם ביי זקינו הרה״ק בעל קדושת יו״ט זי״ע,

הרה״ח ר׳ לייב פראמאוויטש ז״ל האט דערציילט, אז ער האט געהאט די זכי׳ צו געבן דעם ערשטן קוויטל פארן רבין דער ברך משה זי״ע, און דאס איז געווען ביי די חתונה ווען דער פעטער רביה״ק מסאטמאר זי״ע האט געהייסן דעם חתן אז ער זאל נעמען קוויטלעך, און דער פעטער האט צוגעקוקט בחדות הנפש ווי ער נעמט קוויטלעך, אויך האט הרה״ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי״ע געגעבן פארן רבין דרשה געשאנק לכבוד דעם חתונה,

נאך די חתונה איז ער געבליבן סמוך על שולחן פונעם שווער דער הייליגער קערעצקיער רב זי״ע, מען האט אים דארט אויף גענומען אלס ריש מתיבתא אין ישיבת בית דוד פונעם שווער, און פון דארט זענען טאקע ארויס געקומען גאר חשובע בחורים און מורי הוראות בישראל,

סוף יאר בשנת תש״א האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט זענטא, און די פעטער רביה״ק מסאטמאר זי״ע איז געקומען אויפן ערשטען שבת כדי צו באגלייטען דעם יונגען רבין אויפן נייעם פלאץ,

דארט האט ער געהאט א גרויסע עולם תלמידים פונעם זיידן דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע און פון זיין טאטן דער הייליגער עצי חיים זי"ע, וואס האבן דעם רבין אויף גענומען מיט א שמחה, און ער האט דארט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים מיט א מוראדיגע התמדה, אויך פארציילט מען אז די גאנצע קוויטל געלט וואס ער האט געמאכט יענעם ערב יום כיפור, האט ער געגעבן פאר הגה"ק רבי אליעזר יעקב רויזניין דומ"ץ סיגוט זי"ע, הי"ד,

דארט אין זענטא האט ער אויף געשטעלט א ישיבה ווי עס האבן געלערנט גאר גרויסע תלמידי חכמים, הרה"ג רבי יוסף נייהויז זי"ע, שוואגער פון הגה"צ מהרי"ץ דושינסקיא זי"ע, האט אים אסאך געהאלפן מיט די ישיבה, ער איז ליידער אומגעקומען ביי די צווייטע וועלט מלחמה און דער רבי האט זיך ממש מוסר נפש געווען און זיך מטפל געווען מיט זיין קבורה,

ווינטער בשנת תש"ג איז ער געפארן קיין קאלוב אויף די יארצייט פון הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע, ווען ער איז אהיים געפארן איז ער דורך געפארן דעם שטאט ראצפערט, איז ער אריין צום זיידן הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל זי"ע הי"ד, ווען ער האט זיך געזעגענט פונעם זיידן האט דער זיידע אים געגעבן א ברכה בזה"ל, "דער אויבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט פארן לשלום",

און דער ברך משה זי"ע האט געזאגט, אז די ברכה האט אים באגלייט אויפן וועג אהיים ווען אפאר אונגערישע סאלדאטען האבן אים באפאלן אויפן וועג אהיים מיט א געוואלדיגע רשעות, און ער איז ממש ארויס מיט ניסים, אויך די גאנצע צווייטע וועלט מלחמה האט דער ברך משה אייביג געזאגט, אז ער האט מרגיש געווען אז די לעצטע ברכה וואס ער האט באקומען פונעם הייליגען זיידן פון ראצפערט זי"ע, האט אים באגלייט צו ווערן געראטעוועט.

בשנת תש"ד ליל התקדש החג פסח אינמיטן סדר נאכט, זענען די דייטשן ימ"ש באפאלען דעם שטאט זענטא, און ווי זיי האבן זיך געפירט האבן זיי גלייך געזיכט די רבנים, דער רבי האט זיך באהאלטן פאר צוויי וואכן,

אבער ד' אייר האט מען דעם רבין מיט אלע אידן פונעם שטאט געפירט אין ביהמ"ד, און דארט איז מען געבליבן פאר 2 טאג, דערנאך האט מען אלע אידן אריבער געפירט קיין באיא, פארציילט מען אז אויפן וועג פון זענטא קיין באיא איז מען דורך געפארן דעם שטאט סעגעדין,

איז דארט געווען צוויי ברית'ן אין הרה"ג רבי אברהם יונגרייז אב"ד סעגעדין זי"ע האט ערלעדיגט אז דער רבי זאל זיין סנדק ביי די ברית'ן, און לפלא פון דעם שטאט סעגעדין זענען כמעט נישט געבליבען ליידער קיין אידן וואס האבן דורך געלעבט די מלחמה, אבער די צוויי קינדער וואס דער רבי איז דאן געווען סנדק האבן דורך געלעבט, איינס איז געווען הגה"צ רבי יוסף משה גרינוואלד שליט"א אב"ד צעהלים, און די צווייטע איז געווען הרה"ג רבי יהושע ברוך ווערצבערגער שליט"א מנהל התאחדות אברכים דסאטמאר.

שפעטער איז דער רבי אנגעקומען צום טרויעריג בארימטן לאגער אוישוויץ, ווען מען איז דארט אנגעקומען האבן די אידן דארט אן געזאגט אז מען זאל ח"ו נישט זאגן אז מען איז א רב, ווייל די רשעים הרג'ענען גלייך די רבנים, האט דער רבי געזאגט אז ער איז א פעלד ארבעטער, אבער ווען דער רשע מענגעלע ימ"ש האט געזעהן די איידעלע הענט פונעם רבין, האט ער גלייך מיט רשעות געשריגען "זי הענט ראבינער" און געוואלט שיקען אויף לינקס,

אבער בחסדי השם איז דאן אנגעקומען נאך א פרישע טראנספארט, און דער רבי האט זיך אריינגעשווערצט אויף די רעכטע זייט און דארט איז אויך געווען הרה"ח רבי יעקב פאלאק ז"ל וואס האט אסאך ארויסגעהאלפן דעם רבין דארט אין לאגער, אבער ליידער די רביצין און די דריי קינדער האט מען געשיקט אויף לינקס און זענען דעם צווייטען טאג שבועות אומגעקומען על קידוש השם הי"ד,

דארט אין לאגער האט מען אסאך געליטן מיט די עבודת הפרך, אבער דער ברך משה זי"ע האט דארט עוסק געווען אין לערנען תורה בעל פה און אסאך מחזק געווען די צובראכענע אידן, אויך איז דארט געווען הרה"ח רבי ליפא שווארץ ז"ל שפעטער דער מנהל המוסדות סאטמאר אין ירושלים, האט ער איינמאל געטראפן דעם רבין זייער וויינען, האט ער געפרעגט דעם רבין פארוואס ער וויינט, האט דער רבי געזאגט "ווער ווייסט וואו דער פעטער געפינט זיך",

פארציילט הרה"ח רבי ליפא שווארץ ז"ל, אז איינמאל זענען די רשעים געקומען זאגן אז מען גייט אריבער פירן

א חלק אידן צו א אנדערן פלאץ ווי די ארבעט איז גרינגער, אסאך אידן האבן זיך צו געכאפט דערצו, און רבי ליפא האט אויך געוואלט גיין,

אבער דער רבי האט אים געזאגט, אז ער האט מקובל מבית אבותיו, אז ווען מען איז אין א מקום סכנה זאל מען פון זיך אליין נישט גיין אויף א אנדערן פלאץ, רבי ליפא האט דאך נישט געוואלט איבערלאזן דעם רבין אליין, איז ער אויך דארט געבליבן, און ליידער די אלע וואס זענען געגאנגען זענען נעבעך אומגעקומען אויף קידוש השם, דאן האט רבי ליפא געזעהן אז ער איז ניצול געווארן דורך'ן פאלגען דעם רבין,

יענעם יאר תש"ד איז פאר זיי געלונגען נישט צו דארפן ארבעטן פסח, און דער רבי האט אפ געשריבען די גאנצע הגדה דארט אין לאגער, און אויך ראש השנה תש"ה האבן זיי געזאגט פאר די קאמאנדיר, אז זיי האבן לייז און זיי קענען נישט גיין צו די ארבעט, און אזוי האט מען געקענט דאווענען די תפילות ראש השנה, דערנאך יום כיפור האט מען ערב יו"כ גע'פועל'ט ביים קעבער אז מען זאל אריין ברענגען דאס עסן בעפאר די שקיעה כדי מען זאל נישט דארפן עסן אים יו"כ,

מען איז זיך צוזאמגעקומען פאר כל נדרי און מען האט געבעטן דעם רבין צו זאגן דברי התעוררות, עס איז צו געגאנגען מיט שרעקליכע בכיות און ער האט מיט זיינע ווערטער זייער מחזק געווען די צובראכענע נשמות און אריינגעבלאזן א פרישען גייסט אין די אידן,

אויך האט דער רבי געהאט א פאר תפילין וואס אסאך אידן זענען געקומען דאס לייגען יעדן טאג, אפילו זייענדיג אזוי צובראכן פון אלע צרות וואס ער אליין איז דורך, האט ער כסדר מחזק געווען די צובראכענע אידן און אסאך טובות געטון פאר אידן מיט מסירת נפש ממש,

דארט אין לאגער איז געווען א מרשעת וואס האט געהאט א גרויסע הינט, און פלעגט מיט רשעות אנרייצען דעם הינט אויף אידישע קינדער וואס זענען נעבעך אסאך אומגעקומען על קידוש השם דורכן הינט, איינמאל האט זי אנגערייצט דעם הינט אויף 3 אידן און איינע פון די זענען געווען דער רבי, אבער ווען דער הינט איז צו געקומען צום רבין, האט ער זיך גלייך אויסגעדרייט און אזוי איז געווען אפאר מאל, ביים לעצטן מאל האט זיך דער הינט צעווילדעוועט און צעריסן דעם מרשעת, כן יאבדו כל אויביך ד',

הרה"ח ר' שלמה חיים הייזלער ז"ל האט דערציילט, אז א אלטער איד וואס איז געווען מיטן רבין דער ברך משה זי"ע אין לאגער האט דערציילט, אז איין טאג האבן די דייטשן ימ"ש געמאכט אן אפעל, ווייל זיי האבן געטראפן אז עס פעילט א פאר שיך פונעם אוצר, און די רשעים ימ"ש האבן געזאגט, אז אויב דער גנב קומט נישט ארויס זיך מודה זיין, וועלן זיי רח"ל הרג'נען יעדן 10 מענטש פון די שורה,

דערציילט דער איד, אז פלוצלונג קומט ארויס פון צווישן עולם דער ברך משה זי"ע, און ער איז זיך מודה פאר דעם רשע, אז ער איז דער וואס האט גע'גנב'ט די שיך, דער רשע באטראכט אזוי דעם רבין און געט אים א פראסק אין פנים, און זאגט, די מיינסט טאקע אז די וועסט מיך נערן, די שיך סייז איז געווען א 42, און די בוסט א סייז 37,

אבער זאגט דער רשע ימ"ש, אזוי ווי איך זעה אז צווישן ענק איז דא אזא איינער וואס איז זיך גרייט צו מפקיר זיין פאר אן אנדערן, וועל איך ענק אלע לאזן גיין פריי, און דורך דעם מסירת נפש זענען אלע אידן דארט געראטעוועט געווארן.

כ"ה אייר בשנת תש"ה איז דער רבי מיט נאך 40,000 אידן באפרייט געווארן פון לאגער אין טערעזיענשטאט, די השגחה עליונה האט מציל געווען דעם רבין פאר אונזער דור צו קענען פירן די עדה הקדושה,

און שטאט פראג האט דער רבי זיך געטראפן מיט צוויי קינדער פון הרה"ק דער סלאטפינער רב זי"ע, א איידעם ביים עצי חיים זי"ע, און חודש תמוז איז דער רבי צוריק געפארן קיין סיגוט בית אבותיו, דארט האט ער געטראפן די שטאט מיט די ביהמ"ד ווי די הייליגע טאטע און זיידעס האבן געדאווענט איז אלס געווען חרוב, דארט האט דער רבי חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת פעסל לאה ע"ה, בת הגה"צ רבי אהרן טייטלבוים אב"ד וואלאווע זי"ע, ימים נוראים איז דער רבי געווען אין טעמעשוואר,

דאן האט דער רבי געוואלט פארן קיין אמעריקע, אבער מען האט געברויכט האבן א וויזא כדי צו קענען פארן קיין אמעריקע, איז דער רבי געפארן קיין דעברעצין און פראבירט דארט צו באקומען די וויזא'ס פאר זיך און די רעבעצין און די צוויי קרובים און די הויז בחור, אבער דער באאמטער האט נישט געוואלט אינטערשרייבען די וויזא'ס און געלאזט נאר זיגלען די וויזא'ס,

ערב ראש השנה בשנת תש"ז איז דער רבי אנגעקומען קיין פלארידא הארט פארן זמן, און צום גדלי' תש"ז איז ער אנגעקומען קיין ניו יארק און גלייך אריבער קיין וויליאמסבורג און דארט גלייך געגאנגען געבן שלום פארן פעטער הרה"ק מסאטמאר זי"ע, וואס איז אנגעקומען קיין אמעריקע צוויי טאג בעפאר, פארשטייט זיך אז הרה"ק מסאטמאר זי"ע האט זיך זייער געפרייט צו זעהן דעם רבין און אים גאר שטארק מקרב געווען.

יום כיפור תש"ז האט ער געדאווענט ביים פעטער אין ביהמ"ד און ער האט אים צו געשיקט צום עמוד פאר שחרית, שפעטער האט דער פעטער אים געהייסן עפענען א אייגען ביהמ"ד און פירן א עדה הקדושה.

דאן איז ער געווארן רב אין ביהמ"ד עצי חיים אין וויליאמסבורג ווי עס האבן שוין דאן געדאווענט די תלמידים און חסידים פונעם טאטן דער עצי חיים זי"ע, און דארט איז ער געווען רב אין סיגוט פאר 15 יאר און געפירט די סיגעטער קהלה.

בשנת תשכ"ה האט ער זיך אריבער געצויגן קיין בארא פארק און דארט אויף געשטעלט דעם ביהמ"ד סיגוט און אויך האט ער אויף געמאכט א ישיבה און א כולל ווי הונדערטער אידן זענען דארט אויפגעוואקסן על התורה ועבודה, ספעציעל איז געווען דארט מיטן רבין הרה"ק רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן ראב"ד סאטמאר זי"ע, וואס האט דארט געדינט אלס מגיד שיעור און אסאך געהאלפן דעם רבין מיטן פירן דעם ישיבה.

דער ברך משה זי"ע איז דאן שוין געווען באוויסט מיט זיין חריפות אין הלכה און געפירט אסאך דין תורה'ס צוזאמען מיט הגה"צ מטארטיקאוו זי"ע, און הגה"צ מטשאקעווע זי"ע.

די גדולים בדורו האבן באוואונדערט זיין געוואלדיגע קלארע פארשטאנדט סיי אין הלכה און סיי אין פראקטיק פון ארויסקומען מיט א קלארע פסק הלכה וואס ער איז געווען א גאר פארשטענליכע מענטש, און ווי הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע האט זיך איינמאל אויסגעדריקט צו זיין זוהן, "איך האב נאך נישט געזעהן א גרויסער בקי אין הלכות מקוואות ווי דער סיגוטער רב".

אויך איז ער דאן געשטאנען לימין קדשו פונעם פעטער ביים אויף שטעלן און פירן די "התאחדות הרבנים", דער ברך משה זי"ע איז געשטאנען צו די האנט פארן פעטער ביי יעדע געלעגנהייט וואס עס האט אויסגעפעלט, זיין נאמען איז געווען פון די ערשטע צו אינטער שרייבן אויף יעדע זאך וואס די פעטער האט ארויס געלייגט און אייביג געווען גרייט צו אריין שפרינגען און אויספירן דאס ווילען פונעם פעטער זי"ע.

ביום כ"ו אב תשל"ט איז ליידער אפגעטאן געווארן די קרוין פון דעם יהדות החרדית איבער דער וועלט, ווען דער הייליגער רבי רבינו יואל טייטלבוים זי"ע איז נסתלק געווארן, עס איז נישט מעגליך צו פארשטיין, אבער מענטשען האבן נישט געגלייבט אז די זון וועט נאך אויפשיינען די קומענדיגע טאג, יעדער האט ממש געשפירט ווי מען האט פארלוירען דעם טאטן, דער צדיק הדור "יואל בן חנה", וואס מען האט מתפלל געווען יעדן טאג און געהאפט וועט אונז פירן קעגן משיח צדקינו, מען האט נישט געוויסט ווי אזוי מען וועט ווייטער אנגיין.

אבער דער הייליגער באשעפער האט אונז נישט פארלאזט און איבער געלאזט דעם רבין דער ברך משה זי"ע, וואס האט איבער גענומען די עדה הקדושה, און ווי אזוי ער האט זיין גאנץ לעבן געזאגט אז די עדה הקדושה איז נישט זיינס נאר עס איז א משכון וואס דער פעטער האט אים דאס איבער געגעבן, און ער וועט דאס בקרוב צוריק געבן.

י' אלול בשנת תשל"ט האט מען דעם רבין אויף גענומען אלס ממלא מקום פונעם פעטער מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, אבער ער האט דאס ערשט אנגענומען א יאר שפעטער, און כ"ח אב בשנת תש"מ איז פאר געקומען די מסיבת ההכתרה.

עס זענען זיך צוזאמען געקומען אלפים מישראל מכל קצוי תבל ובתוכם די צדיקי הדור וועלכע האבן געקרוינט דעם רבין אלס אב"ד ק"ק סאטמאר איבער דער גארער וועלט, אויך איז ער דאן געקרוינט געווארן אלס נשיא העדה החרידית, און נשיא התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדה, און אויך אלס נשיא כולל שומרי החומות און קרן הצלה אין ירושלים.

ווי באקאנט האט ער אויף יעדן פרט נאר געקוקט ווי אזוי דער פעטער זי"ע האט זיך געפירט און נישט געלאזט אוועק רירען פון די מסורה וואס מען האט מקבל געווען פון אבותינו ורבותינו הקדושים, און כמה פעמים געזאגט, ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו ווען מיר

איבערגעבן די הייליגע מוסדות פארן רבין זי"ע און אים זאגן אט זענען די מוסדות התורה מיר געבן דאס צוריק ווי מיר האבן דאס באקומען אן קיין שום שינוי.

ער איז געווען א יחיד במידת הענווה ופשטות אן עניו ושפל ברך "גם האיש משה עניו מאוד", ער האט ביי זיך בכלל נישט פארמאגט קיין חשיבות און עס איז ביי אים געווען איינגעבאקן די מדה פון ענוה מאבותיו הקדושים, און אפילו זייענדיג דער רבי פון כלל ישראל האט ער זיך אראפגעלאזט צו יעדן איינעם אפילו צו א קינד, און זיכער פאר יעדן תלמיד חכם האט ער געהאט א געוואלדיגע הכנעה.

ווען אידן פלעגן קומען מיט א קוויטל אדער זיך מזכיר זיין און מען פלעגט אים זאגן "דער רבי זאל דערלעבן אונז צו פירן קעגן משיח צדקנו", האט ער געזאגט, "איך וויל נישט פירן, איך וויל גיין אינאיינעם קעגן משיח צדקנו".

פארציילט א איד, אז איין יאר האט זיך דער רבי געגרייט צום סעודות הילולא פונעם זיידן דער קדושת יו"ט זי"ע, כ"ט שבט, און ער האט זיך ארומגעדרייט ביי זיך אין שטוב פארקאכט, איז אריינגעקומען איינע פון די מקורבים און דער רבי האט אים געזאגט בזה"ל, "מען גרייט זיך יעצט צו די יארצייט סעודה פונעם זיידן דער קדושת יום טוב, איך טראכט אריין, וואס א שייכות האבן מיר מיטן קדויו"ט צי וואס פראווענען מיר די סעודה".

נאך עטליכע מינוט טראכטן האט דער רבי ממשיך געווען און געזאגט, "פונקט יעצט האט א איד זיך מזכיר געווען אז ער נויטיגט זיך אונעם סכום פון אכציג טויזענט דאלער, איז אויב מיר וועלן צושטעלן דעם סכום צו העלפן דעם איד, דאן וועלן מיר האבן א שטיקל שייכות צו די פריערדיגע צדיקים".

ער האט פון זיין גרויס ענוות נישט געלאזט ארויס געבן זיינע דברי תורה און חידושים אפילו ער האט געהאט הונדערטער פסקים אין הלכה וואס ער האט אלס ארויס געגעבן, שפעטער יארן האט ער שוין מסכים געווען אז מען זאל ארויס געבן זיינע דברי תורה אז עס זאל בלייבן עפעס פאר די קומענדיגע דורות.

אנפאנג איז ארויס געקומען די 3 חלקים חידושי תורה מהר"ם ט"ב על מועדים וואס איז נתקבל געווארן דורך די חסידים די בכל אתר ואתר.

בשנת תשנ"ה איז ארויס געקומען די ספר "ברך משה" על התורה פון זיינע דברי תורה על שולחנו הטהור און שלש סעודות און ימים טובים וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך זיין זוהן הרה"ג רבי חנני' יו"ט ליפא שליט"א רב דקהל ברך משה דזענטא.

די ספר איז געווארן אויף גענומען דורך די חסידים ומעריצים פונעם רבין מיט א שמחה עצומה, וואס יעדע תורה פאר זיך איז געפלאכטן מיט א געוואלדיגע חריפות.

ווען מען דערמאנט זיך נאר פון די אלע הייליגע תפילות א גאנץ יאר קומט א בענקעניש, ער האט געדאווענט מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש, עס איז געווען כל עצמותי תאמרנה, וקול ד' שובר ארזים, משה ידבר והאלקים יעננו בקול, עס איז צוגעגאנגען מיט א צובראכענקייט און טרערן און תחנונים, און די הייליגע תפילות זענען אריינגעדרינגען טיף אין אלע איברים און דערוועקט א געפיל פון יראה און התרוממות.

ווער רעדט נאך פון די תפילות ימים נוראים און ימים טובים, די פייערדיגע תקיעות שופר דרשות און כל נדרי, די צובראכענקייט וואס מען האט געהערט ווען דער רבי האט געזאגט די פסוקים בעפאר שופר בלאזען מען האט געהערט אויפן קול ווי דער רבי בעט פאר זיך און פאר די גאנצע עדה הקדושה א גוט געבענטשט יאר.

דערנאך די הייליגע הקפות ווי מען האט געהאט די זכי' צו זעהן א דמות פון א צדיק פונעם פאריגען דור טאנצט און פרייט זיך מיט די הייליגע תורה שעות ארוכות אן א אפשטעל מיטן גאנצן כח און קוקט בכלל נישט ארויס פונעם טלית נאר טאנצט מיטן גאנצן הארץ זיך פרייענדיג מיט די הייליגע תורה.

זיינע געהויבענע טישן וואס זענען צו געגאנגען מיט א מוראדיגע ווארעמקייט, מען האט אויפן רבין נישט געזעהן קיין חילוק פון א נעילת החג טיש אדער א שבת טיש, ער האט זיך געפירט מיט זיין פשטות אייביג און געפירט די טישן מיטן דרך אבותיו ורבותיו הקדושים.

ווער עס געדענקט נאך די דרשות פונעם רבין זי"ע, וואס ער האט נישט פארפעלט צו רעדן פון אמונה אונעם גרויסן באשעפער און אייביג דערמאנט די אני מאמין בביאת המשיח און געבעטן צו זינגען דעם ניגון אני מאמין און געארבעט אריינצולייגען די ריינע אמונה און זיינע חסידים.

זיין הארץ און געפיל צו א אנדערן איד קען נאר איינער וואס האט געהאט די זכי' אריין צו גיין צו אים פארשטיין, ווען א איד איז אריינגעקומען זיך מזכיר זיין מיט א צרה האט מען געזעהן ווי עס טרעט אים צו צום הארץ און אפילו געקענט לאזן א טרער מיטפילענדיג יענעמס צרה.

די רבי האט זיך כמה פעמים אפגערעדט, אז אידן קומען מיט הזכרות, אבער מען קומט נישט פארציילען ווען מען ווערט געהאלפן, ווייל ווען איינער איז יא צוריק געקומען פארציילען אז מען איז געהאלפן געווארן, האט מען אויפן פנים פונעם צדיק געזעהן א שמייכעל און א שמחה פאר יענעם איד כאילו ער אליין איז דא געהאלפן געווארן, און יעדע צובראכענע איד האט געוויסט אז ביים רבין איז דא א אוזן קשבת וואס איז אייביג גרייט צו העלפן.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,
בתו מרת חיה ע"ה, אשת הרב רבי דוד בעריש מייזליש שליט"א אב"ד יטב לב סאטמאר בארא פארק,
בנו אדמו"ר מסאטמאר רבי אהרן שליט"א,
בנו הרב רבי חנני' יום טוב ליפא שליט"א אב"ד זענטא וויליאמסבורג,
בנו אדמו"ר מסאטמאר רבי יקותיאל יהודה שליט"א,
בנו הרב רבי שלום אליעזר שליט"א, אב"ד קהל יטב לב 15 עוועניו בארא פארק,
בתו מרת ברכה סימא, אשת הרב רבי דוד מייזליש שליט"א, אב"ד סאטמאר מאנטריאל,
בתו מרת הענדל, אשת הרב רבי חיים יהושע האלברשטאם שליט"א, אב"ד סאטמאר מאנסי,

ליידער ווינטער בשנת תשס"ו איז ער געווארן זייער שוואך און נישט געפירט קיין טישן, אבער ליל פורים האט מען געהאט די זכי' אז דער רבי איז אריינגעקומען צו די מגילה ליינען און טויזנטער חסידים זענען געקומען זעהן די צורת קדשו פון זייער רבין נאכן נישט זיין מיטן ציבור פאר א לאנגע צייט, אויך פורים צופרי האבן די חסידים געהאט די זכי' זיך צו גיין געזעגענען ביים רבין אינעם גרויסן טאג פורים וואס איז מסוגל אויף רפואות און ישועות.

סוף חודש אדר בשנת תשס"ו האט זיך די מצב פארערגערט ביים רבין און מען האט געטראפן אויפן שדרה פונעם רבין א געוואוקס וואס די באהאנדלונגען האבן זייער אפגעשוואכט דעם רבין, איבעראל האבן אידן מתפלל געווען און איינגעריסען פאר זייער רבין "רבינו משה בן ברכה סימא לרפו"ש".

ראש חודש ניסן איז נאך דער רבי געווען סנדק ביי א אייניקל פון זיין זוהן רב דקהל ברך משה שליט"א, און מען האט געהאפט אז עס וועט מקויים ווערן וואס חז"ל זאגן "נולד בן במשפחה נתרפאה כל המשפחה".

אבער ליידער פארנאכט האט מען דעם רבין אריינגעפירט אין שפיטאל צוליב א שוואכקייט וואס איז אים באפאלען, דינסטאג ו' ניסן איז דער רבי אוועקגעפאלן און מען האט אים ליידער געברויכט ארויף לייגן אויף מאשינען, אידן איבער די וועלט האבן ווייטער איינגעריסען אז דער באשעפער זאל שיקן א רפואה שלימה בקרוב פארן רבין, אבער דער רבי איז פארבליבן אין שפיטאל אויף יו"ט פסח.

מאנטאג פרשת תזריע טהרה איז די מצב געווארן זייער שלעכט, די בלוט דרוק איז געפאלן, און מען האט צוזאמגערופען די קינדער אז זיי זאלן קומען אין שפיטאל, דער ציבור האט ווייטער איינגעריסען שערי שמים אז מען זאל אונז נאך איבער לאזן דעם צדיק אויף די וועלט.

אבער ליידער פארנאכט נאנט צו 7 אזייגער ניצחו אראלים את המצוקים און דער רבי איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים ביום כ"ו ניסן בשנת תשס"ו, א טאג נאכן יארצייט פונעם גרויסן זיידן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, און מיטן הסתלקות פונעם רבין איז אוועק גענומען געווארן פון די לעצטע שריד פון צדיקים וואס האבן נאך זוכה געווען נתגדל צו ווערן על ברכם פון צדיקים וקדושים שרפי מעלה ובעלי רוח הקודש.

די לוי' איז פאר געקומען נאך יענע נאכט במעמד רבבות ישראל אין גרויסן ביהמ"ד אין וויליאמסבורג, ווי דער צדיק האט אזויפיל יארן שופך שיח געווען צו בורא כל העולמים און איינגעריסען פאר ישועות פארן ציבור, דערנאך איז פאר געקומען דער לוי' אין גרויסן ביהמ"ד אין קרית יואל, און מען האט אים געלייגט אינעם אוהל פונעם פעטער רביה"ק זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**פרייטאג כ"ז ניסן**

**הגה"ק רבי יהודה ב"ר יוסף הכהן זי"ע, (כהנא), בעל קונטרס הספיקות, אב"ד סיגוט,**

ער איז געבוירן אין שטאט קאליש, בשנת תק"ד,

צו זיין טאטע הגה"ק רבי יוסף הכהן מקאליש זי"ע,
בן הגה"ק רבי יחיאל מיכל הכהן זי"ע,
בן הגה"ק רבי יוסף הכהן כהנא ראב"ד טריסק זי"ע,
חתן הגה"ק רבינו יום טוב ליפמאן העללער בעל התוספת יום טוב מקראקא זי"ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת ניסל ע"ה,

ער איז געווען א א גאון עולם און חריף עצום בכל מקצועות התורה, ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש ממש, גדולי דורו האבן אויף אים געזאגט, אז ער האט געהאט א פארשטאנד חד וחריף כסכין עמוק עמוק מאוד, זיין גדלות בתורה קען מען זעהן אין זיינע ספרים און מיט דעם וואס גדולי הדור האבן זיך פארלאזט אויף זיינס א פסק, ער האט זיין גאנץ לעבן מיט א מסירת נפש ממש מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים, אויך האט ער אסאך פון זיין לעבן אוועק געגעבן לטובת הכלל, גאנץ אנפאנג פון זיין לעבן האט דער גאון עוסק געווען במסחר פארקויפענדיג וויין, און פון דעם האט ער געצויגען זיין פרנסה נאר כדי זיך נישט צו משתמש זיין בכתרו של תורה,

הגה"ק בעל חפץ חיים זי"ע האט פארציילט די מעשה, אז אין שטאט קאליש איז געווען א איד וואס איז אריין שבת בייטאג נאכן סעודה אין ביהמ"ד, און אן געהויבען זאגן תהילים מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש ובדמעות שליש, איז דארט אין ביהמ"ד געווען נאך א איד וואס האט געזעהן די מחזה, האט ער זיך אויך געשטעלט זאגן תהילים מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש ובדמעות שליש,

מוצש"ק איז דער צווייטער צו געגאנגען און געפרעגט דעם ערשטן, וואס איז פשט פון די בכיות ביי תהילים, ווייל לויט די בכיות זעהט אויס ווי די האסט א צרה און אפשר קען איך דיר ארויס העלפן, האט דער איד געזאגט, אז ער האט א טאכטער ביי זיך אינדערהיים, און ער קען נישט א שידוך טון ווייל ער האט נישט קיין געלט פאר נדן,

און די גאנצע וואך איז ער טרוד אויף פרנסה און ער זעהט נישט דעם טאכטער, אבער ווען עס קומט שבת קודש און ער זעהט דעם טאכטער, ווערט ער זייער צובראכן ווייל ער קען איר נישט העלפן, דערפאר קומט ער אין ביהמ"ד זאגן תהילים, און איז שופך לב כמים צום גרויסע באשעפער.

האט דער צווייטער געזאגט, איך האב אויך א זוהן ביי מיר אין שטוב א גרויסע תלמיד חכם, אבער איך האב נישט קיין געלט צו קענען א שידוך טון, האט דער איד מייעץ געווען, אז אפשר זאלן זיי זיך משדך זיין, און זיי האבן זיך טאקע משדך געווען.

און פון דעם שידוך זענען ארויס געקומען 4 גדולי עולם,

הגה"ק רבי אריה לייב בעל קצות החושן זי"ע,
*הגה"ק רבי יהודה בעל קונטרס הספיקות זי"ע,*
הגה"ק רבי חיים מקאליש זי"ע,
הגה"ק רבי מרדכי מאונגוואר זי"ע,

האט דער חפץ חיים זי"ע אויס געפירט, קוקט וואס עס קומט ארויס ווען צוויי אידן פאר לאזען זיך אויפן הייליגען באשעפער, און זאגן תהילים מיט א דביקות בשם,

דאס ארימקייט אינעם שטוב פונעם טאטן הגה"ק רבי יוסף איז געווען אזוי שטארק, אז ער האט געהאט נאר איין העמעד צו אנטון די צוויי קינדער, איין טאג האט די מאמע געוואלט אויסוואשען דעם העמעד, האט זי באהאלטן די צוויי קינדער ביז זי ברענגט צוריק דעם העמעד,

ווען דער מלמד האט געזעהן אז די קינדער קומען נישט אין חדר, און וויבאלד די צוויי תלמידים זענען ביי אים געווען גאר שטארק באליבט, איז ער אריבער צום שטוב, און געפרעגט פונעם טאטן וואס עס גייט פאר מיט די קינדער, האט די טאטע געפרעגט די מאמע וואס גייט פאר, האט זי פארציילט די מעשה מיטן העמעד,

ווען דער טאטע האט דאס געהערט, האט ער אראפגענומען זיין העמעד וואס איז געווען גרעסער ווי די

קינדער׳ס העמעד, און ער האט זיי ביידע באדעקט דערמיט און געטראגען אין חדר, און געזאגט אז די תורה פון די תינוקות של בית רבן איז אסאך מער חשוב ווי מיין תורה, און די צוויי קינדער זענען אויסגעוואקסן גדולי עולם וואס האבן באלאכטען די וועלט מיט זייער תורה.

די מאמע האט סוף ימיה געוואוינט ביי די זוהן הגה״ק רבי מרדכי מאונגוואר זי״ע, און די אנדערע קינדער פלעגן איר דארט קומען באזוכען, איז געווען איינמאל ווען די ברודער׳ס דער הייליגער קונטרס הספיקות זי״ע און דער הייליגער קצות החושן זי״ע האבן דארט ביי די מאמע דורך געטאן א שווערע סוגיא, און מען האט זיך געטאנעט, און צום סוף האט דער קליינע ברידער רבי מרדכי געזאגט א דעה, און די ברידערס האבן אנגענומען זיין דעה.

ווען די מאמע האט דאס צו געזען, איז זי פון גרויס שמחה ארויס געטאנצן פון בעט, און די מאמע האט געזאגט, אז זי איז געווען באזארגט אז די קליינע ברידער וואס האט געטון אין מסחר וועט פון אים נישט אויסוואקסן קיין גרויסע תלמיד חכם בתורה, אבער יעצט זעהט זי אז ער פארשטייט אזוי גוט צו תורה און דאס איז איר איינציגסטע מטרה אין לעבן און איר שמחה אין לעבן, פון דעם קען מען פארשטיין אין וואסערע שטוב די גדולים זענען אויף געוואקסן,

מען פארציילט א מעשה נפלא לגבי דאס הסתלקות פונעם טאטן הגה״ק רבי יוסף זי״ע, אז דארט אין שטאט קאליש האט דער טאטע געהאט נאך צוויי גדולי עולם אויך כהנים הגה״ק רבי שמעון הכהן מקאליש זי״ע, און הגה״ק רבי בנימין הכהן ראפאפורט בעל גבולות בנימין זי״ע,

איז געווען פרשת בראשית בשנת תקל״א און הגה״ק בעל גבולות בנימין זי״ע האט געהאלטן א דרשה, און אינמיטן דעם דרשה האט ער געזאגט, אז מען האט אים מן השמים מגלה געווען, אז עס וועט ל״ע קומען א שרעקליכע מחלה וואס וועט ח״ו אומברענגען די גאנצע שטאט רח״ל,

אבער מען האט אויסגערופען אין הימל, אז אויב די דריי צדיקי הדור וועלן נסתלק ווערן פון די וועלט, וועט עס זיין א כפרה אויפן שטאט, און ער האט געענדיגט דעם דרשה מיט די ווערטער ״יוסף איננו, ושמעון איננו, ואת בנימין תקחו״,

כך הוה, און די קומענדיגע וואכן זענען די דריי צדיקים נסתלק געווארן, הגה״ק רבי יוסף איז נסתלק געווארן י״ג חשון, הגה״ק רבי שמעון איז נסתלק געווארן ז׳ כסלו, און הגה״ק המגיד רבי בנימין איז נסתלק געווארן כ״א כסלו, פונקט ווי עס שטייט דארט אין פסוק פרשת ויגש ״יוסף איננו, ושמעון איננו, ואת בנימין תקחו״, והמגפה נעצרה,

עס איז געווען א געוואלדיגע אהבה צווישן די צוויי ברידער, און דער עלטערער ברידער רבי יהודה האט געהאט א געוואלדיגע הערצה צום יונגערן ברידער דער הייליגער קצות החושן, ווי מען זעהט אין די הקדמה אינעם קצות החושן ווי ער רימט אויס זיין ברידער מיט מורא׳דיגע ווערטער בזה״ל, ״אחי מורי ומאורי אור הנערב, בבריעה ושפל ברך, כי אחי עצמי ובשרי הוא, ואף חכמתו עמדה לי בהלו נרו על ראשי״.

בשנת תקמ״ה ווען דער הייליגער קצות החושן זי״ע האט אנגעהויבען דריקען זיין ספר קצות החושן, האט ער געשטעלט זיין עלטערע ברידער צו איבערקוקען דעם חיבור, און במשך 3 יאר האט דער ברודער רבי יהודה געוואוינט אין לבוב כדי צו מאכן זיכער אז דעם חיבור ווערט געדריקט מושלם, און די ברידער שרייבט אינעם הקדמה די ווערטער ״והנה בזמן עסק הדפוס, היטב לעשות עמי אחי החכם השלם טובייני דחכימי מוהר״ר יהודה הכהן״.

אויך האט רבי יהודה געדרוקט זיין הייליגען ספר קונטרס הספיקות וואס איז געווען פיל מיט עמקות און חריפות אויפן ספר תקפו כהן פונעם הייליגען ש״ך זי״ע, און דער גאון רבי יהודה האט לכתחילה נישט געטראכט פון ארויס געבן א אייגן ספר פון די חידושים, אבער שפעטער האט ער די אלע חידושים געדריקט אין זיינע אייגענעם חיבור קונטרס הספיקות,

שפעטער האבן די צוויי ברידער געטראגען זייערע חיבורים קיין לבוב פאר א הסכמה פונעם גאון הגה״ק רבי צבי הירש רויזנים בעל תשע שיטות זי״ע, אבער ווען זיי האבן געגעבן די חיבורים פאר גאון מלבוב, האט דער גאון זיך זייער מצער געווען אז די אלע וואס געבן ארויס זייערע חיבורים קומען אים כסדר מבטל זיין פון לערנען תורה, און דער גאון האט זיי פארשיקט, אבער די צוויי גאונים האבן זיך איינגעבעטן ביים גאון רבי צבי הירש, אז ער זאל זיי כאטש לאזן איבער לאזן דעם ספר ביי אים אין שטוב, און דער גאון האט צו דעם מסכים געווען,

ביינאכט האט דער גדול רבי צבי הירש נישט געקענט איינשלאפען, איז ער געגאנגען צום שאפע און ארויס גענומען די צוויי חיבורים און מעיין געווען און זיי, און ער איז ממש נשתומם געווארן פון די חריפות און גאונות, עד כדי כך, אז ער האט דאס נישט געקענט אראפלייגען דעם גאנצען נאכט, און דער קומענדיגע טאג האט ער די צוויי גדולים איבער געבעטן, און געגעבן א שיינע הסכמה אויף די צוויי חיבורים, און נאך געמאכט זיכער אז זיי באקומען נאך הסכמות פון רבני און גדולי לבוב.

הגה"ק רבי יהודה האט זוכה געווען אז צענדליגע גדולים בתורה האבן געברענגט זיינע תשובות און זייערע ספרים ווי הגה"ק רבי יעקב ליסקא בעל נתיבות המשפט זי"ע, הגה"ק רבי עקיבא איגר זי"ע, און הגה"ק בעל בית מאיר זי"ע האבן געברענגט דעם גאון'ס חידושים און זייערע חידושים על הש"ס.

גאר אסאך רבנים האבן מפליג געווען דעם חיבור קונטרס הספיקות, און דער זוהן הגה"ק רבי יחיאל כהנא אב"ד מאטע-סאלקא זי"ע האט פארציילט, אז איינמאל איז ער געווען אין צאנז אויף שבת און מען האט אים אויף גערופען צו די תורה מיט זיין נאמען "ר' יחיאל בן מורינו ר' יהודה".

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געהייסן אז מען זאל אים נאכאמאל אויס רופען, "בן מורה מורינו הרב ר' יהודה", און דער צאנזער רב האט צוגעלייגט די ווערטער "איר ווייסט, אז אין די קליינעם קונטרס הספיקות, שטייט אזויפיל ווי אין דעם גאנצן קצות".

נאכן ארויס געבן זיין ספר קונטרס הספיקות און עס איז נספרסם געווארן צווישן די גדולי הדור, האט מען אים אויף גענומען אלס דיין אין שטאט מונקאטש אונעם בי"ד פון הגה"ק רבי אברהם גאטעסמאן זי"ע.

בשנת תקנ"ד האט מען אים אויף גענומען אלס אב"ד קהילת סעליש, און ער האט דאן געדינט אלס רב אויך אין די דערנעבענדיגע שטעט, ער האט דאן אין שטאט סעליש מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה, אויך האבן גרויסע גאונים בתורה פונעם דור זיך דאן געשריבן גאר שווערער שאלות ותשובות מיט דעם גאון וקדוש,

בשנת תקס"ב האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט סיגעט און דארט האט ער געדינט אלס רב פאר 17 יאר כולן שוין לטובה ביז צו זיין הסתלקות, דארט האט ער געדינט צוזאמען מיט הגה"ק רבי מנחם מענדל שטערן בעל דרך אמונה זי"ע וואס איז געווען ראב"ד דארט אין סיגעט.

ווען מען האט אים איינמאל געפרעגט פארוואס ער האט איבער געלאזט דעם שטאט סעליש צו גיין קיין סיגעט, וואס זיין געהאלט איז בכלל נישט געשטיגען און ער האט דארט אין סיגעט געהאט אסאך מער ארבעט, ווייל עס איז געווען א גרעסערע שטאט,

האט דער גאון רבי יהודה זי"ע געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, אז חז"ל זאגן דאך, "מי שעולה לגדולה מוחלין לו עוונותיו", איז ווער עס האט ווייניג עבירות איז אים גענוג א גדולה און רבנות אין א קליינעם שטאט, אבער איינער וואס האט אסאך עבירות דארף ער ווערן א רב אין א גרויסע שטאט, און געטייטש די פסוק כִּי עֲוֹנֹתַי עָבְרוּ רֹאשִׁי, אז מיינע עונות זענען אזוי גרויס אז דעם קליינעם שטאט סעליש איז נישט גענוג פאר מיינע עונות.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים,
קונטרס הספיקות,
ספר תרומת הכרי,

ער האט זוכה געווען צו קינדער און איידעמער רבנים גבירים אדירים וואס ביי זיי איז געווען תורה וגדולה במקום אחד,

הגה"ק רבי יוסף מרדכי כהנא דומ"ץ סיגעט זי"ע, חתן הגה"ק רבי בנימין אביש בלוך אב"ד דעלעטין זי"ע,
הגה"ק רבי יחיאל מיכל אב"ד מאטע-סאלקא זי"ע,
הגה"ק רבי נחמן דומ"ץ סיגעט זי"ע,
בתו מרת ניסל ע"ה, אשת הנגיד הגה"ק רבי שמואל זיינוויל הכהן כהנא זי"ע,
הגה"ק רבי שמעון צבי מדאלינא זי"ע,
הגה"ק רבי זאב וואלף מטשארדע זי"ע,
הגה"ק רבי ארי' לייבוש ממונקאטש זי"ע,
הגה"ק רבי יעקב יוקב מסאלקא זי"ע,

דער גאון האט געשריבן אין זיין צוואה, אז מען זאל אים בכלל נישט לייגן קיין שבחים אויפן מצבה ווי גאון אדער סיי וואסערע שבחים,

נסתלק לגנזי מרומים כ"ז ניסן בשנת תקע"ט, ומנוחתו כבוד איז אין אוהל הכהנים בביה"ח אין שטאט סיגעט,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

# מעשה

גאנץ אנפאנג נאך די חתונה ווען דער גאון רבי יהודה כהנא בעל קונטרס הספיקות זי"ע האט געוואוינט אין שטאט קאליש, האט דער גאון עוסק געווען במסחר פאר זיין פרנסה, וויבאלד דער גאון האט נישט געוואלט נהנה זיין ממתנת בשר ודם אדער זיך משתמש זיין בכתרו של תורה, דערפאר האט דער גאון זיך באשעפטיגט אין פארקויפען וויין און ברוינפען, אבער מיט די צייט איז ער געווארן א יורד ל"ע, און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפען ברוינפען צו ווייטער אנגיין מיט זיין מסחר,

ווען די מצב אין שטוב איז געווארן גאר שווער, האט די רעבעצין פונעם קונטרס הספיקות געבעטן דעם הייליגען מאן, אז אפשר פראבירט ער אן אנדערן פרנסה, ווייל דאס הונגער אין שטוב איז געווען ממש אום דערטרעגליך, דער גאון מיט זיין גרויס אמונה אינעם גרויסן באשעפער, איז ארויס אין די מארק פלאץ, און דארט האט דער גאון מתפלל געווען און זיך מתבודד געווען אינעם גרויסן באשעפער, און געלאזט טרערן און געבעטן פונעם באשעפער אז ער זאל קענען שפייזן זיינע קינדער, און דורך דעם זאל דאס ח"ו נישט גורם זיין פאר אים ביטל תורה,

אזוי ווי דער גאון האט געענדיגט מתפלל זיין האט ער ביי זיך געטראכט, איך האב דאך געטון מיין השתדלות און מתפלל געווען צום גרויסן באשעפער, און מיט זיין אמונה באמת געגלייבט אז עס וועט מקיים ווערן דעם פסוק וּבֵרַכְךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה, און מיט די אמונה איז דער גאון צוריק אהיים און געזאגט פאר די רעבעצין, אז ער איז זיכער אז ישועה קרובה לבוא,

לפלא איז דאן אנגעקומען צום שטוב פונעם גאון א וואגן פון אפאר שרים, און זיי בעטן זיך צום גאון אז זיי ברויכן ברוינפען, אבער דער גאון האט זיי מסביר געווען אז ער האנדלט נישט מער מיט קיין ברוינפען, אבער די שרים האבן נישט געוואלט נאך לאזן און געזאגט, אז זיכער וויל דער איד נישט פארקויפען קיין ברוינפען פאר גוים, אבער ווען דער גאון האט זיי אריין געפירט אין זיין אוצר, האבן זיי טאקע געזען אז עס איז נישט דא קיין ברוינפען,

אבער אין די זייט האבן זיי געזען אפאר פעסער, האבן זיי געפרעגט וואס דאס איז, האט דער גאון זיי דערציילט, אז דאס זענען אפאר פעסער וויין וואס ער האט אמאל איינגעקויפט, וויבאלד ער האט געמיינט אז ער וועט דאס קענען פארקויפען פאר גוט געלט, אבער וויבאלד דער חמר מדינה איז דאן געווען נאר ברוינפען, האט ער די וויין נישט געקענט פארקויפען, און דערוועגן איז דאס געבליבן זיצן ביי אים אין אוצר,

האבן די שרים זיך זייער געפרייט אויף די וויין, און האבן געבעטן דעם גאון אז זיי ווילן פארזיכען פון די וויין, דער גאון האט פראבירט זיך צו טענה'נען אז די וויין איז שוין זיכער נישט גוט פון זיצן אזוי לאנג ביי אים אין אוצר, אבער די שרים האבן נישט נאך געגעבן נאר ווייטער פארלאנגט פון די וויין,

בלית ברירה האט דער גאון זיי סערווירט א גלעזל פון די וויין, לפלא זענען די שרים ממש נתפעל געווארן פונעם גאר גוטען טעם פון די וויין, און האבן געזאגט אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט טועם געווען אזא גוטע וויין, און זיי האבן אלע איינקויפט א גרויסע סכום פון די וויין פונעם גאון און אים גאר שיין באצאלט פאר די וויין, און האבן פארזיכערט פארן גאון, אז זיי וועלן נאך קומען אין די קומענדיגע וואכן צו קויפן נאך וויין פון אים, און מיט דעם האט דער גאון געהאט שיין פרנסה דורך זיין ריינע אמונה בשם,

אבער מיט די צייט האט דער גאון נישט געוואלט מער זיין פארנומען מיט קיין מסחר בגשמיות, דערפאר האט ער זיך דאן אריבער געצויגען צום שטאט לבוב, און דארט האט זיך דער גאון פאר דינגען אלס מלמד, און דארט אין לבוב איז ער געווארן גאר שטארק מקושר מיט די גרויסע גדולים וואס האבן דאן געוואוינט אין שטאט לבוב ובתוכם הגה"ק בעל פרי מגדים זי"ע, אויך האט דער גאון דאן געענדיגט זיין הייליגען חיבור קונטרס הספיקות וואס איז געווארן אנגעקומען אין די גאנצע וועלט,

**יארצייט**

**פרייטאג כ״ז ניסן**

**הגה״צ רבי אביגדור ב״ר ישראל הכהן זי״ע, (מיללער), בעל לב אביגדור,**

ער איז געבוירן אין שטאט באלטימור, ר״ח אלול בשנת תרס״ח,
צו זיין טאטן הר״ר ישראל ז״ל,

נאך זייענדיג גאר יונג האט מען שוין געזעהן, אז דער קינד וועט אויסוואקסן א גדול הדור, ער איז שוין דאן געווען א מבקש צו מקבל זיין תורה און אמונה, ער איז געווען א געוואלדיגע שקדן און לערנען וואס מען האט כמעט נישט געזעהן ביי קינדער אין זיין עלטער.

ביי די 14 יאר אלט איז ער אריין לערנען אין ישיבה ״רבינו יצחק אלחנן״ אין ניו יארק, דארט האט ער געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה בתורה פאר 6 יאר, און דארט האט דער גאון רבי אביגדור באקומען סמיכה לרבנות פון די רבני הישיבה.

ביי די 20 יאר איז ער אריבער לערנען אין אירופה אין ישיבת סלבודקה ביים ראש ישיבה הגה״צ רבי יצחק אייזיק שור זי״ע, און דער משגיח איז געווען הגה״צ רבי אברהם גרודזינסקי זי״ע, דארט איז ער געווען פארעכענט צווישן די גאר חשובע תלמידים, און דער ראש ישיבה הרב שור האט אים זייער מחבב געווען, רבי אביגדור האט כסדר געזאגט, אז רוב פון זיין תורה האט ער געלערנט פון זיין רבו מובהק הגה״צ רבי יצחק אייזיק שור זי״ע.

אפאר יאר שפעטער האט דער שוואגער פון זיין רבי הרב רבי מרדכי שולמאן ז״ל אים אנגעטראגען דעם שידוך מיט די טאכטער פון הר״ר יעקב משה ליסין ז״ל.

בערך בשנת תרצ״ח האט זיך אנגעהויבן די צרות פון די דייטשן ימ״ש אין גאנץ אירופה, איז רבי אביגדור אנטלאפען מיט די גאנצע משפחה קיין אמעריקע, און איז קודם אנגעקומען אין שטאט טשעלסי מעסעטשאטשעס ווי ער איז געווארן רב און געלערנט מיט אסאך תלמידים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ווייל אדמת אמעריקע איז נאך דאן געווען א פרעמד לאנד פאר אידישקייט.

בערך בשנת תש״ד איז ער געווארן א משגיח אין ישיבת רבינו חיים בערלין ווי ער האט געדינט פאר 20 יאר אויף דעם פאסטן, אסאך תלמידים האט ער ארויסגעגעבן פון דארט אין ישיבה.

בשנת תשל״ה האט ער אויך געשטעלט דעם ארגון בית של תורה אין פלעטבוש פון ווי ער האט פארשפרייט זיינע טויזנטער שיעורים.

אויך האט ער צוזאמען מיטן זון הגה״צ רבי שמואל זי״ע אויף געשטעלט די ישיבה גדולה בית ישראל ווי רבי אביגדור איז געווען משגיח און ראש ישיבה פאר טויזנטער בחורים וואס זענען געקומען שעפן פון זיין קוואל פון תורה.

ער האט אסאך לוחם געווען אין אמעריקע אויף די שווערע נסיונות וואס אידן גייען דורך, און אייביג געזאגט אז די גרעסטע נסיונות קומט פון לוקסוס, ער איז 60 יאר פון זיין לעבן געשלאפן אויף א ברעט.

סוף ימיו ווען זיין זוהן האט אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי בשמחה, מען דארף דאך זיין ערנסט ווען מען גייט ארויף צום בית דין של מעלה, האט ער געזאגט ״איך בין דאך נישט געווען קיין איין וואקאציע מיין גאנצן לעבן״.

ער איז געווען א מעורב בין הבריאות און געהאט א ספעציעלע שפראך צו יעדן, און געהאט א געוואלדיגע כשרון צי צו נעמען זאכן מיט א גאר קלארע פארשטאנד, טויזענטער אידן האט ער מחזיר בתשובה געווען מיט זיין געוואלדיגע לשון למודים און זיין גאר קלארע פארשטאנט,

ער האט געהאלטן אז די יסוד צו אידישקייט איז שמחת החיים און אז די וועלט איז באשאפן געווארן מיט איין ציל, להיטיב עם בריותיו, ווי עס שטייט ״עולם חסד יבנה״, מען פארציילט אז די לעצטע מינוטן פונעם לעבן האט מען געזען אויפן פנים פונעם גאון ווי ער שמייכלט.

ספעציעל האט זיך ארויס געזעהן זיין שמחה ביים יו״ט פורים און ביי חתונות און אפילו אויף די עלטערע יארן האט ער געטאנצט מיטן גאנצן כוח, זיין באליבטע ניגון איז געווען אנא אנא אנא עבדא דקודשא בריך הוא.

איינמאל איז א אייניקל פונעם גאון רבי אביגדור געשטארבן פון אן עקסידענט ל״ע, און ווען ער איז אראפ געקומען צום שיעור און געזען דעם צעטיל פונעם לוי׳, האט ער דאס געהייסן אראפ נעמען כדי אנדערע מענטשן זאלן נישט זעהן דעם צעטיל און עס זאל שטערן זייער שמחה, און ווען מען האט אים דאן געפרעגט ווי אזוי ער קען באותו זמן זיין בשמחה בשעת ווען מען

גרייט זיך צו די לוי', האט דער גאון געזאגט מיט זיין געוואלדיגע מידת האמת בזה"ל, "איך בין פרייליך און איך דאנק דעם באשעפער, פאר די טייערע מתנה פון די אייניקל וואס האט געלעבט 30 יאר, און איך דאנק דעם באשעפער אז קיין איין אנדערע אייניקל איז נישט געשטארבן".

איינמאל שפאצירענדיג אויפן גאס האט ער געטראפן זיינס א טאכטער, האט ער געזאגט פארן טאכטער אז איך האב פונקט יעצט געטראכט פון דיר און איך געב א לויב און דאנק פאר השי"ת אז איך האב געהאט געלט דיך צו חתונה מאכן, האט די טאכטער געזאגט, טאטע איך האב שוין חתונה געהאט 50 יאר צוריק, זאגט ער זאלסט וויסן, איך דאנק יעדן טאג דעם באשעפער דערויף.

ווען עס איז געקומען צו קנאות האט ער זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, סיי אין כשרות וואס ער האט זיך געלאזט פארשעמען און עס איז אים נישט אנגעגאנגען זיין כבוד, אויך ווען ער איז אנגעקומען אויף א פלאץ און די גדרי צניעות און תערובות זענען נישט געווען לויט די הלכה, האט ער פארפירט און זיך נישט געלאזט, אויך האט ער גאר אסאך לוחם געווען קעגן גייין און קאלאדש.

ער האט שטארק מחשיב געווען אלע סארט חסידישע אידן, אבער ספעציעל האט ער ליב געהאט די חסידות סאטמאר.

ווען ער האט ביי זיך אין געגענט געזעהן דעם גאלדן פלאו טראק ברענגען מילך און עס שטייט אויפן טראק "חלב ישראל", האט ער גערעדט מיט א געוואלדיגע התרגשות פונעם סאטמערער רבין און געזאגט, אז דער סאטמאר רבי איז דער מציל פון אידישקייט אין אמעריקע, און געזאגט, אז דער רבי פון סאטמאר האט באוויזן אויף צושטעלן אידישקייט פון ערליכע אידן וואס גייען מיט די בארד און פיאות און לאנגע רעקלעך אויפן גאס אן קיין בושה גענוי ווי אין אייראפע.

ער פלעגט כסדר באוואונדערן די שטאט וויליאמסבורג וואס איז באגאסן מיט טויזנטער חסידישע אידן מיט די בארד אין פיאות, און די אייניקלעך האבן פארציילט, אז ער האט גענימען א טעקסי דורך צופארן די גאסן פון וויליאמסבורג, נאר צו זעהן ווי אידן אנגעטון חסידיש דרייען זיך אין די גאסן אין אמעריקע.

ער האט לוחם געווען קעגן ציונות און געהאלפן דעם סאטמארער רבי זי"ע ווען עס איז געקומען צו שרייבען ענגלישע זאכן וואס האבן געברויכט אריינגיין אין די גוישע צייטונגען, כדי צו ווייזען פאר די וועלט אז די ציונים זענען עובר על הדת דורך אויף שטעלן טריפענע פלעצער אין ארצנו הקדושה.

ער פלעגט זאגן, אויב דו ווילסט רעדן לשון קודש, ווייל דו ווילסט זיין אפגעהיטן, דו ציילסט דיינע ווערטער, מה טוב ומה נעים, אבער אויב רעדסטו 'עברית' ווייל דו ווילסט דיך אינדענטיפיצירן מיט די רשעים, זאלסטו ענדערש רעדן אידיש!, ווייל אידיש איז די לשון קודש פון דעם חתם סופר און רבי עקיבא איגר זי"ע.

אמאל ווען איינער האט געקלינגען ביי זיין טיר און ער איז פערזענליך אראפ פונעם שטאק צו עפענען, האט זיך יענער אנטשולדיגט, אז ער האט געקלערט, "אין אמעריקא האט דאך יעדער א קנעפל (צו עפענען פון אויבן)", האט רבינו זצ"ל רעאגירט, איך בין נישט קיין אמעריקאנער!.

ווען ער איז געווארן זיבעציג יאר, האט ער געזאגט "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, פון היינט און ווייטער איז דאס לעבן 'ספעציעל געשענקטע יארן', דעריבער מוז איך דאס אויסנוצן".

ער האט גע'ענדיגט ש"ס אומווייניגסטן זיבעציג מאל, און ווען ער איז אלט געווארן נייציג יאר האט ער אויף געהערט צו שרייבן זיינע ספרים, ער האט געזאגט ער דארף נאך עטליכע מאל איבער חזר'ן ש"ס פאר ער גייט צוריק אויף יענע וועלט.

אין שפיטאל האט מען געברענגט א כלי אריין צו לייגן די ציין, האט ער געזאגט "איך האב אייגענע ציין, יעדן טאג דאנק איך השי"ת פאר מיינע ציין"!

אמאל ביי א שפאציר, האט פון הינטער דעם גאון זיך געהערט ווי א קאר צוזעצט זיך מיט א גרויסן רעש, און ער האט זיך נישט אויסגעדרייט קוקן, אויפן פראגע פון זיין באגלייטער, וויאזוי עס באנעמט איהם נישט, האט דער גאון וקדוש געפרעגט, "די אויגן זענען דען הפקר".

ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין געלט פון קיינעם. אויך ביי "מכירת חמץ", און ער האט נישט געמאכט קיין 'מכירת חמץ' פאר אידן וואס באלאנגן נישט צו זיין קהלה, כדי ער זאל נישט שאדן טוהן פאר אנדערע רבנים.

אמאל ווען ער האט גערעדט פון 'עולם הבא' האט ער גערעדט מיט א שמחה, דערנאך האט ער זיך פאראכטן, "נישט אז איך וויל שוין גיין, איך האב נאך וואס צו ארלעדיגן, אבער... ווען די צייט וועט קומען...".

מען האט אים אמאל געפרעגט, אויב וואלט איר געוואוסט אז יעצט איז דיינע לעצטע שעות צום לעבן, וואס וואלט איר געטוהן, האט ער געענטפערט, "אויב עס איז די צייט פון עסן, וואלט איך געגאנגען עסן, אויב עס איז די צייט פון לערנען, וואלט איך געגאנגען לערנען, און אזוי ווייטער"!.

ער האט קיינמאל נישט געזאגט פאר אנדערע, נאר אזעלכע ענינים וועלכע ער האט אליינס געהאלטן דערביי, ער האט ביי זיינע שיעורים זיך אויסגעדריקט: עט'ס זענט'ס נישט אהער געקומען צו הערן א ווידער קול פון ענקער אייגענע שכל, דא וועט עט'ס הערן די דעת-תורה!,

ער האט דערציילט אויף זיך, אז אמאל ביי א שמחה האט ער בטעות גורם געווען, א פלעק אויף א צווייטן'ס אנצוג, האט ער באלד ארויסגענומען זיין 'טשע"ק בוך', און געשריבן פאר יענעם א טשע"ק אויף די סומע וואס עס קאסט צו באצאלן פאר די קלינער"ס, דער באטראפענער האט זיך אבער אנטזאגט עס צו נעמען, זאגנדיג, "הרב מיללער ס'איז גארנישט, מאכט אייך נישט צוטוהן", ער האט זיך אבער נישט געלאזט, און ער האט איבער געלאזט די טשע"ק אויפן טיש,

ער האט געזאגט, דער הייליגער באשעפער האט אונז באפוילן, ואהבת את ד' אלקיך, אבער אז מיר קענען איהם נישט זעהן, וויאזוי קענען מיר איהם ליב האבן, נאר מיר זענען אזוי ווי מיידלעך אין בית-לפליטות, יעדעס קינד האט א 'נדבן' פון חוץ לארץ וואס שיקט א חודשליכע תמיכה לטובת 'זיין' טאכטער, מיר קענען נישט 'זעהן' אונזער 'תומך' אבער מיר 'שפירן' די גאר פילע ווערדפולע טובות והנאות וואס דער תומך שיקט פאר אונזערט וועגן, און ווי מער אנערקענונג די תומך באקומט, אלץ מער איז ער משפיע פארן קינד.

ביי די שבעה האבן די קינדער געזאגט "ווער עס האט געקענט דעם טאטן ביי די זעכציג, דער האט איהם שוין נישט דערקענט ביי די זיבעציג, ער איז אין די צעהן יאר אזויפיל געשטיגן אז ער איז שוין בכלל נישט געווען דער זעלבער מענטש", און דאס זעלבע איז געווען פון די זיבעציג ביז די אכציג א.א.וו.!.

אפילו רוב פון זיינע טעיפס זענען געזאגט געווארן אין די ענגלישע שפראך האט ער מוסר ומודעה געווען אז דאס איז צוליב וואס זיינע דרשות זענען געווען געצילט פאר בעלי תשובה און זיי פארשטיין נישט קיין אידיש.

ער האט מחבר געווען אסאך ספרים בהלכות אמונה צווישן זיי איז די ספר רננו צדיקים, ספר עורה כבודי, ספר אז נדברו, אויך ספרים על סדר התפילה, און על התורה, ספר על טהרת הקודש לתולדות ימי עם ישראל, און 13 כרכים על אגדות הש"ס.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ז ניסן בשנת תשס"א, ומנחתו כבוד איז אויפן הר הזיתים אין ירושלים,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

---

## צוואה

אויסצוגן פון די צוויי צוואה'ס וואס מען האט געטראפן.

אל תבכו הרבה בעדי, כי הקב"ה היטיב עמי מאד בכל ימי. הצלחתני הי"ת ולא הייתי חולה, והארכתי ימים בשיבה טובה מאד.
אשתי שתחי' הטיבה תמיד עמי, וגם שבעתי שובע שמחות מכל בני ובנותי וחתני הצדיקים ומכל צאצאיהם וצאצאי צאצאיהם שזכיתי להכירם, כולם שלומי אמוני ישראל.

מאד מאד שמחתי בכולכם, רק אני מבקש מחילה מכל מי שהתאכזרתי להם לפעמים.
וגם שבעתי שמחה מאנשי קהלתי, ואני מכיר תודה, כל ימי הם שלשלת של הצלחה ותענוג הודו לה' על טובו הגדול עמי. החזיקו כולכם בתורת הי"ת וגדלו בניכם לעבוד את ה' בלב שלם ותתברכו כולכם לאריכות ימים בטובה והצלחה גשמית ורוחנית.

מאת אביכם אוהבכם,
אביגדור ב"ר ישראל הכהן מיללער.

ואילו כתבתי ספר גדול לא יכולתי לגמור ספור שבחיו שחנן אותי כל אורך ימי חיי. יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם על אלפי אלפים.
איני חפץ להטריח אתכם, אבל אם תתנדבו ללכת במנין של עשרה על קברו לבקש מחילה בשמי, מודה אני,
אין דרכי להטיל עליכם שום דרך או חוב, אבל לפי עניות דעתי יש לצרף יחד שיטת המוסר עם דרכי החסידים אנשי ספרד (סאטמאר וכדומה) בעבודת ה' ולהתרחק מן הגוים.
יברך הי"ת את כולכם, וגם כל שלומי אמוני ישראל וידגו לרוב בעולם מתוך הצלחה ברוחניות וגשמית עד עולם.

נאום אביגדור ב"ר ישראל הכהן.

**יארצייט**
**שבת קודש כ״ח ניסן**

**הרה״ק רבי יהושע ב״ר שלמה יהודה לייב זי״ע,**
**בעל תולדות אדם, מאוסטרובה,**

ער איז געבוירן חנוכה בשנת תקע״ט,

צו זיין טאטע הרה״ק רבי שלמה יהודה לייב מלענטשנא זי״ע,
בן הצדיק נסתר הרה״ק רבי ברוך מביקובסק זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שרה פייגא ע״ה,

די טאטע האט מעיד געווען, אז ער האט ממשיך געווען פארן זוהן די נשמה פון רבי יהושע בן פרחיה, און מעיד געווען אז זיין צורה איז געווען כצורות המגיד הגדול ממזריטש זי״ע, און דער טאטע האט טאקע גאר שטארק אכטונג געגעבן אויפן קינד שוין גלייך נאכן געבוירן ווערן, און שפעטער געלערנט גאר אסאך תורה מיטן קינד, און פון דעם איז אויס געוואקסן דעם הייליגער צדיק וקדוש רבי יהושע מאוסטרובה זי״ע,

עס ווערט געברענגט אין ספר תולדות אדם, אז די מאמע פונעם רבין הרבנית הצדקת מרת שרה פייגא ע״ה, האט יארן נאך די חתונה נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש״ק, זיי האבן זיך דאן געצויגען קיין לובלין צו זיין נעבן דעם הייליגען חוזה מלובלין זי״ע, און די מאמע האט אן גענומען צו ארבעטן אין שטוב פונעם הייליגען חוזה און ארויס העלפן מיט די גרויסע עבודה וואס האט זיך געפאדערט אינעם שטוב,

איין טאג האט די מאמע פונעם צדיק געטראגען א גרויסע סכום פון כלים, און בדרך לא דרך איז דאס גאנצע זאך אראפ געפאלן אויף דער ערד, און פארשטייט זיך עס איז נישט געליבן קיין זכר פון די כלים, די רעבעצין פונעם חוזה ווען זי האט דאס געזען, האט דאס איר זייער געשטערט אז אזויפיל טייערע כלים זענען געגאנגען לאיבוד, און זי האט די משרת די מאמע פונעם רבין זייער מבזה געווען ברבים און געגעבן צוויי פעטש אויפן פנים, און די מאמע האט זיך זייער צעוויינט,

ווען דער הייליגער חוזה האט געהערט דאס וויינען פון די משרת, האט ער געפרעגט פון די גבאים וואס עס גייט פאר, און ווען מען האט דערציילט די מעשה פארן הייליגען חוזה אז מען האט די משרת פארשעמט, האט דער הייליגער חוזה געבעטן אז זי זאל אריין קומען צו אים אין שטוב, און דער הייליגער חוזה האט אויף געהויבן זיינע הייליגע הענט צום הימל און געזאגט בזה״ל, ״יהי רצון, שבתמורת אלו המכות תזכי לשני בנים צדיקים״, דער עולם האט גלייך געשריגן מזל טוב, שפעטער האט די מאמע געהאט די צוויי קינדער צדיקים וקדושים, הרה״ק רבי יהושע מאוסטרובה זי״ע, און זיין ברודער הרה״ק רבי אברהם זי״ע,

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש וטהור נורא מאוד, ער איז געווען א גאון וגדול און א בקי נפלא בתורה, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה ופרישות, ער איז געווען גאר גרויס אינעם מידת האמת, און צדיקי הדור האבן דעם צדיק וקדוש געריפען מיטן נאמען ״איש האמת״, ער פלעגט זיך אויס דריקען, עס איז דא מענטשן וואס האבן ליב דעם אמת ווייל עס העלפט זיי, דאן איז דא וואס האבן ליב דעם שקר און זיי מיינען אז עס העלפט זיי,ביידע האבן אבער ליב זיך אליין אבער נישט די אמת אדער די שקר, אבער א איש האמת האט ליב דעם אמת ווייל דאס איז חתמו של הקב״ה, אפילו עס ברענגט אים גארנישט,

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגה״ק רבי צבי מנחם מייזליש בעל זכרון צבי מנחם מקראקוב זי״ע,

ער איז געווען א תלמיד פון זיין טאטן זי״ע, און רוב פון זיין תורה וקדושה האט ער מקבל געווען פון זיין גרויסן טאטן זי״ע וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי״ע,

שפעטער האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון אנדערע צדיקי הדור ובתוכם הרה״ק בעל שר שלום מבעלזא זי״ע, וואס האט אים מורא׳דיג מחבב ומקרב געווען, אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון הרה״ק רבי משה מקוברין זי״ע, ווי דער צדיק האט זיל אמאל אויס גערדריקט אויף זיך בזה״ל, ״מיין הארץ איז אין קוברין״,

אויך איז ער געפארן זיך מסתופף זיין ביי אסאך צדיקי הדור ובתוכם,

הרה״ק רבי יצחק מווארקא זי״ע,
הרה״ק רבי מנחם מענדל מקאצק זי״ע,
הרה״ק רבי ישראל מרוזין זי״ע,
הרה״ק רבי מאיר מפרמישלאן זי״ע,
הרה״ק רבי יצחק מנעשכיז זי״ע,

זיין טאטע האט געזאגט, אז עס איז נישט קיין פלא אז ער פארט צו די אלע צדיקים, וויבאלד ער האט געהאט די נשמה פון רבי יהושע בן פרחיה וואס האט געזאגט אין משנה אבות ״עשה לך רב״,

נאך די פטירה פונעם טאטן זי"ע י"ט ניסן בשנת תר"ג, האט ער ממלא מקום געווען אין שטאט לענטשנא, און פון דארט איז ער אריבער קיין סוסנוביין, און דערנאך איז ער געווארן רב אין שטאט אוסטרובה ווי ער איז געבליבן ביז צו זיין הסתלקות,

ער האט מרביץ תורה געווען פאר אסאך תלמידים גאונים וגדולים בתורה, טויזנטער אידן זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצלו און מיט האלטן זיין עבודת הקודש, דער צדיק האט אמאל געזאגט בזה"ל, "איתא בילקוט שמעוני פרשת בשלח, וַיַּאֲמִינוּ בַּד' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ, מלמד שכל המאמין ברועה ישראל, כאילו מאמין במי שאמר והיה העולם", אויך האט דער צדיק וקדוש מאוסטרובא זי"ע געזאגט בזה"ל, "כשאדם מקבל הרפואה מהצדיק, ואינו מהרהר כלל בהרפואה אם טובה היא להחולה, אזי הרפואה קרובה לבוא, ומצליח בכל דרכיו",

צו זען דעם געוואלדיגע עניוות וואס דער צדיק וקדוש רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע האט געהאט, קען מען זען פון די מעשה, איינמאל איז דער צדיק געפארן אויף א נסיעה און ער האט נישט גענומען קיין באגלייטער, נאר ער איז געפארן איינער אליין מיט א קבוצה פון חסידים, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט זיי נישט מגלה געווען ווער ער איז, און די חסידים פון יענעם מקום האבן נישט נוהג כבוד געווען מיטן צדיק,

שפעטער ווען מען איז אנגעקומען צו א שטאט זענען די חסידים געוואר געווארן ווער דער צדיק איז, האבן זיי געהאט גרויס חלישות הדעת אז מען האט נישט נוהג כבוד געווען פאר אזא גרויסע צדיק, האבן די חסידים געפרעגט דעם צדיק, פארוואס האסטו אונז נישט מגלה געווען ווער די בוסט, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות געזאגט, האלב האב איך ענק נישט געוואלט מגלה זיין, און אויב ברויך איך מגלה זיין אלעס האב איך מיך באמת געשעמט צו מגלה זיין מיין שפלות, און דערפאר האב איך ענדערשט נישט מגלה געווען ווער איך בין,

איז געווען א איד א חסיד וואס פלעגט אסאך קומען צום רבין, איינמאל האט דער איד געהאט א שווערע צרה ל"ע, און ער איז געגאנגען צו הרה"ק השרף מקאצק זי"ע, האט אים דער הייליגער קאצקער געפרעגט, פארוואס ער גייט נישט צו זיין רבין הרה"ק מאסטרובה, האט דער איד געזאגט, אז פאר קליינע צרות גייט מען צו קליינע רבי"ס, און פאר גרויסע צרות גייט מען צו א גרויסע רבי,

האט דער הייליגער קאצקער זי"ע געזאגט, די פארשטייסט נישט אפילו צו דיין קליינע רבי, וועל איך דיר דערציילן, אין הימל האבן אלע צדיקים מסכים געווען אז מען זאל ברענגען משיח, אפילו עס וועט ח"ו קאסטען אסאך אידיש בלוט, האט דיין קליינער רבי זיך אויף געשטעלט און געזאגט, אז ער איז נישט מסכים אז משיח זאל קומען אויף די וועג אז עס זאל קאסטן אידיש בלוט, און אלע צדיקים בעולם העליון האבן געמיזט זיך מכניע זיין פאר דיין קליינע רבי.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אונעם ספר תולדות אדם,

ער האט איבער געלאזט א בת יחידה הרבנית רחל לביאה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יצחק יעקב רבינוביץ בעל דברי בינה מביאלא זי"ע, בן הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע, נכד הרה"ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע, וואס האט ממלא מקום געווען במקום פון זיין שווער,

נסתלק לגנזי מרומים ערב שבת קודש כ"ח ניסן בשנת תרל"ג, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט ווארשא,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

ווערט דערציילט אז ווען מען האט גערעדט דעם שידוך פארן צדיק וקדוש רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע, איז ער נאך דאן געווען גאר יונג, האט דער מחותן געשיקט הרה"ק רבי שמואל בעל רמתים צופים משינאווא זי"ע, אז ער זאל פארהערן דעם חתן, האט רבי שמואל משינאווא זי"ע גענומען דאן א גמרא מסכת גיטין, און ער האט אויף געמישט צום גמרא (גיטין פרק ד' עמוד מ"ב) ווי די גמרא זאגט, התקין רבן גמליאל הזקן, און ער האט געפרעגט דעם בחור וואס דאס טייטשט,

האט דער צדיק וקדוש רבי יהושע זי"ע געזאגט, אז התקין רבן גמליאל הזקן מיינט, אז רבן גמליאל האט פאראכטעט די בארד, אז קיין איין אומה ולשון זאל נישט קענען שולט זיין אויפן בארד, דער רבי שמואל משינאווא זי"ע האט נישט פארשטאנען וואס דער בחור זאגט, און ער האט געזאגט אויפן בחור, אז ער איז זיכער אן עם הארץ,

איז דער קינד רבי יהושע אריין צום טאטן הרה"ק רבי שלמה יהודה לייב מלענטשנא זי"ע און דערציילט אז רבי שמואל שינאווער האט אים געריפן אן עם הארץ, האט דער הייליגער צדיק מלענטשא אריין געריפן דעם רבי שמואל שינאווער זי"ע, און אים געזאגט, די ווייסט נישט וואס דער קינד זעט אלס,

און דער טאטע הרה"ק רבי שלמה לייב מלענטשא זי"ע האט עס דאן מסביר געווען פארן צדיק רבי שמואל משינאווא זי"ע, אז עס וועט קומען א צייט וואס די מלוכה וועט גוזר זיין א גזירה רח"ל אויפן דיקנא קדישא פון אידישע קינדער, און דער קינד רבי יהושע האט מיט די וועטער מבטל געווען די גזירה, און איך אליין האב אויך נישט געוויסט ביז יעצט, אז מיין זון רבי יהושע האט אזאנע גרויסע כוחות צו זען דעם גזירה,

הרה"ק רבי שמואל משינאווא זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז ער געווען אויף א שבת קודש אין נעשכיז ביים צדיק וקדוש רבי איציקל נעשכיזער זי"ע, איז דארט אויך געווען דער צדיק וקדוש רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע, אינמיטן שבת קודש האט מיך דער צדיק רבי איציקל מנעשכיז זי"ע געפרעגט אויפן צדיק רבי יהושע ווער ער איז, האב איך געזאגט פארן רבין, אז דאס איז רבי יהושע מאוסטרובה דער זון פון מיין הייליגען רבין רבי שלמה יהודה לייב מלענטשנא זי"ע,

האט דער צדיק רבי איציקל מנעשכיז זי"ע געזאגט, איך האב אים שוין געפרעגט כמה פעמים ווער זיין טאטע איז, און יעדעס מאל ער האט מיר געזאגט זיין טאטן'ס נאמען, האט ער עס געזאגט זייער נישט קלאר, דערפאר האב איך געמיינט אז אפשר איז זיין טאטע געווען א גאר פשוטע איד, און דערפאר האט דער צדיק רבי איציקל געפרעגט פונעם צדיק רבי שמואל משינאווא ווער דער יונגערמאן איז,

ווען מען האט געפרעגט דעם צדיק רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע, פארוואס ער האט נישט געזאגט פארן צדיק רבי איציקל מנעשכיז דעם נאמען פון זיין טאטן, האט דער צדיק געזאגט, אז ער האט מקובל פון צדיקי הדור, אז בשעת א איד פארט זיך מסתופף זיין בצלו פון די צדיקי הדור, זאל ער איבער לאזן זיין אייגענעם יחוס ביי זיך אין שטוב, און נאר אזוי קען מען מקבל זיין תורה און חסידות פון דעם צדיק הדור,

הרה"ק רבי צדוק הכהן בעל פרי צדיק מלובלין זי"ע האט דערציילט, אז ער האט נאך געהאט די זכי' צו קענען דעם צדיק וקדוש רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע, און דער צדיק רבי צדוק מלובלין זי"ע האט גאר שטארק מפליג געווען בשבחו פון דעם צדיק, איינמאל ווען דער צדיק רבי צדוק הכהן זי"ע האט גערעדט פון די גדלות און קדושה פון רבי יהושע מאוסטרובה, האט ער זיך אויס געדריקט בזה"ל, "הכרתי אותו צדיק היטב, שהיה "שלק", ווען דער צדיק רבי צדוק האט געזען ווי דער עולם וואונדערט זיך אויפן לשון "שלק", האט ער מסביר געווען דעם ווארט, "ער איז געווען ש'ומר ל'ברית ק'ודש",

א איד מיטן נאמען יהושע וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם צדיק וקדוש רבי יהושע מאוסטרובה זי"ע, האט געהאט א פארעם מיט קיען וואס ער האט פון די מילך געצויגען זיין פרנסה, ער האט געהאט א גוי וואס האט געארבעט פאר אים צו מעלקן די מילך, איין טאג האט דער איד געזען אז דער גוי ארבעט נישט מער ווי עס דארף צו זיין, האט דער איד אפ געזאגט דעם גוי פון זיין ארבעט, און ווען דער גוי איז אוועק האט ער געזאגט פארן איד, אז ער וועט נאך טייער באצאלן פארן אים אפ זאגן,

לימים האט זיך געמאכט ביים איד אין שטאל, אז די קיען האבן נישט געגעבן קיין מילך ווי נארמאל, און דאס האט אים געברענגט גרויס שאדן, סיי אז די קיען זענען געווארן פיל מיט מילך, און אויך אז ער האט נישט געהאט קיין מילך צו פארקויפן, וואס דער איד האט פראבירט האט נישט געארבעט, זייענדיג פארלוירען איז דער איד אריבער געלאפן צום רבין, און דערציילט די צרה,

דער צדיק האט אים אויס געהערט, און דאן האט זיך דער צדיק געדרייט צום משמש און זאגט בזה"ל, "עס איז כישוף", און דאן האט ער געזאגט פארן חסיד, די פאר געזונטערהייט אהיים און דער באשעפער וועט דיר שוין העלפן, דער איד איז אהיים געפארן, ביינאכט קומט צו אים אין שטוב אריין א גוי, און בעט ביי דעם חסיד צו עסן,

האט אים דער חסיד דערציילט די מעשה אז די קיען געבן נישט קיין מילך, האט דער גוי געזאגט פאר דעם איד, אז פאר אפאר גולדען וועט ער אוועק נעמען דעם כישוף וואס איז דא אויף די בהמות, דער איד האט אים געגעבן די פאר גולדן, און דער גוי האט טאקע אויף געטון וואס ער האט צו געזאגט, און די קיען האבן אנגעהויבן געבן מילך צוריק,

אפאר טאג שפעטער איז דער חסיד צוריק געפארן צום רבין דערציילן דער וואונדער, אויפן וועג האט ער געטראפן דעם אלטן ארבעטער דער גוי, ווי ער ליגט אויף דער ערד און גוסס'ט, דער איד האט זיך פון דעם גוי נישט וויסענדיג געמאכט און גלייך אריבער צום רבין, און אזוי ווי ער קומט אריין אין שטוב פונעם צדיק, זאגט דער צדיק צום משמש בזה"ל, "איך האב דיר געזאגט אז עס איז געווען כישוף".